STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09975

MIT ZIKH ALEYN

David Krivitsky

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org



דוד קריוויצקי

מיט זיך אַליין

געזאמלטע לידער

פאַרלאַג בידערמאַן
ניו־יאָרק — — 1948

מיינע שוועסטער חנה און ליבע
אין אָנדענק
פון אונדזער פרי־פאַרשטאָרבענעם ברודער
הערי

Copyright 1948
by
D. Krivitsky

אַרויסגעגעבן פון ד. קריוויצקי בוך־קאָמיטעט

Printed
at
GRENICH PRINTING CORP.
151 West 25th Street
New York 1, N. Y.

צו מיינע פריינד

אַ חלום מיט זיינע קאַשמאַרן און שלאָפלאָזע נעכט, אָבער אָפט אויך מיט ליכטיקע וויזיעס, וואָס מען קען זען נאָר אין חלום, איז איצט מקוים געוואָרן, אַזאַ וויזיע איז רעאַליזירט געוואָרן; מיין בוך, דער חלום פון מיינע חלומות, איז דערשינען אויף דער ליכטיקער וועלט.

עס קען זיין אַז אין מיינע לידער פילט זיך אַ צו פערזענלעכער טאָן. אָבער אַזוי האָב איך געפילט, אַזוי האָב איך געזען און אַזוי האָב איך געשריבן. כמעט יעדער איינער לידט פון אַנטוישונגען, צערונענע אילוזיעס, ניט דערגרייכטע אַמביציעס, און אומרעכט וואָס הערשט אויף דער וועלט און רירט אָן יעדן איינעם. איך, אַלס איינער פון כלל, בין דאָך געבליבן איינער, אַליין מיט זיך, און אויך געליטן פון דאָס אַלץ, אויף מיין אופן, ווי יעדער איינער לידט אויף זיין אייגענעם אופן, האָב איך געשריבן מיינע לידער מיט צער פון צער און אַמאָל מיט אַ שמייכל פון זיך און די וועלט.

מיין חלום צו זען מיין בוך, וואָלט אָבער קיינמאָל ניט מקוים געוואָרן, ווען ניט עטלעכע גוטע פריינד, וואָס האָבן געהאָלפן דאָס בוך זאָל געדרוקט ווערן. באַנוץ איך זיך מיט דער געלעגנהייט און גיב זיי מיין עפנטלעכן דאַנק. זאָל דאָס בלייבן פאַרשריבן אַז איך האָב אין מיין לעבן געשאַפן זיך אַזעלכע פריינד ווי:

דר. שלמה סיימאָן, דר. מענדל ראַקאָלין, נ. כאַנין, י. רובינשטיין, יעקב מאַרינאַוו, אליהו סטאָן, יוסף קעסלער, מ. קליבאַרד, ליבע שולמאַן, י. צוקערמאַן, קלאַראַ סאָקאָל, דוד מאָסקאָוויטש, רעי שוואַרץ, רבקה פּאָל, מיין אַרב.־רינג ברענטש 639, די אַרב.־רינג שול 4 בראָנקס, דעם בילדונגס־קאָמיטעט פון אַרב.־רינג און, די אַלע אַבאָנענטן אויפן בוך.

געטריבן פון שרייבערישן אימפעט, באַנוצט אַמאָל אַ שרייבער אַ וואָרט, וואָס מאַכט אַ גאַנצן זאַץ ניט קלאָר, אַ זייטיקער לייענער באַמערקט דאָס באַלד, דערהויפּט ווען דער לייענער איז אַליין אַ שריי־בער. דאַנק איך דאַ אהרן קאַרלין, רעדאַקטאָר פון „פעדער" פאַר זיין פריינדלעכקייט מיר אַנצואווייזן אַזעלכע פעלערן.

אַ האַרציקן דאַנק דעם קינסטלער לאַלאַ פאַר דער שער־בלאַט.

די אַרבעט פון אַרויסגעבן אַ בוך אין דער איצטיקער צייט, איז זייער אַ שווערע, אָבער מיינע פריינד האָבן געטאָן אַלץ אַז דאָס בוך זאָל דערשיינען, דערהויפּט א. סטאָן, וואָס האָט אָפּגעגעבן זייער אַ סך צייט און ענערגיע פאַר דער אַרבעט. זאָל דאָס בוך בלייבן אַן אָנדענק, אַז אין דעם שטענדיקן קאַמף פאַר אַ בעסערער, גערעכטער וועלט פאַרן כלל, האָבן מיינע פריינד אויך ניט פאַרזען דעם יחיד.

ד. קריוויצקי

תיקון טעות

חוץ די גרייזן אין איינצלנע ווערטער, זיינען פון זאַץ אַרויס־געפאַלן צוויי גאַנצע שורות וואָס האָט מיר פאַרשאַפט אַ סך צער. וויל איך דאָס דאָ קאָרעגירן און האָף אַז די פריינד וואָס איך דערמאָן דאָ, וועלן מיר פאַרגעבן פאַר דעם ניט־געוואונטשטן און פאַרדריס־לעכן טעות.

צווישן די נעמען וואָס איך האָב דערמאָנט אַלס די, וואָס האָבן מעגלעך געמאַכט דאָס בוך זאָל אַרויס, זיינען אַרויסגעפאַלן די פאָר שורות וואו איך דאַנק האַרציק די קולטור־טוער יודל באַרנ־שטיין, וואָס האָט זייער פיל געהאָלפן אין אַרויסגעבן דאָס בוך און, דעם קאַסירער פון מיין קאָמיטעט, פריינד יוסף קעסלער, וואָס האָט, אַלס איינער פון די איניציאַטאָרס אַרויסצוגעבן דאָס בוך, זייער פיל געהאָלפן מיט ראָט און טאָט.

ד. קריוויצקי.

זייט 24. דאַרף זיין: הערי קאַווין, אַנשטאָט קאָמין.

„ 83. די לעצטע שורה פון 5־טן סטראָף: מיטאַמאָל געוואָרן רייך", אַנשטאָט „רייך געוואָרן".

„ 84. די ערשטע שורה פון צווייטן סטראָף: „בילדער לאַנג פאַרגאַנגען". ניט „פאַרגאַנגענע".

„ 125. זיבעטע שורה פאַר דער לעצטער: „אַלצדינג ווילט זיך דאָרטן זען", אַנשטאָט „דאָרט".

„ 146. אַנשטאָט „קייכלעך" דאַרף זיין „קיכלעך".

„ 152. צוועלפטע שורה דאַרף זיין: „אייך דינען", אַנשטאָט „אַוועק דינען".

„ 156. ערשטע שורה: „איך וועל מיט אייך נעמען", אַנשטאָט „מיט אוים".

„ 162. צווייטע שורה פון דריטן סטראָף: דאַרף זיין: „פון אַלץ וואָס געווען איז נאָר ווערט".

„ 165. ערשטער סטראָף, שורה פאַר דער לעצטער, דאַרף זיין: „הענט זיין געבונדן".

לירישע לידער

מיין ערשטער בוך

לידער מיינע, יאָרן לאַנג געשריבן,
יאָרן פון אַנטוישונגען און נויט,
לידער מיינע, טרוימען אָנגעקליבן
ליגן איצט אין טאָוולען אָנגעקליידט.

לידער מיינע, כ׳זע אייך איצט געבונדן,
לעבעדיקע ליגט איר אויף מיין טיש,
איר, וואָס האָבן קאַלטע נעכט געצונדן,
אויף מיין וועג פון שוואַרץ און גרוי געמיש.

כ׳קוק אויף אייך און ס׳רעגט דאָס האַרץ און ציטערט
כ׳קוק אויף אייך און ס׳וויינט דאָס האַרץ פון גליק,
טעג און נעכט פאַרצווייפלטע, פאַרביטערט,
זיינען ליכטיקע געקומען איצט צוריק.

אַ מתנה

וועֶר לאַכט דאָס פאַרצווייפלט אין גאַס דאָרט כסדר?
וועֶר זינגט עס דאָרט וויינענדיק הינטער מיין טיר?
וואָס גליטשן זיך שאָטנס אַרום אין מיין חדר
און קריכן ווי ווערים אין האַרצן צו מיר?

וואָס סקריפּען די לאָדנס ווי אַ שטורעם וואָלט קומען?
וועֶר לויפט דאָס אַרום אין דער פינצטערער נאַכט?
ס׳האָט לילית אַ שד אין דעם גיהנום גענומען,
און האָט אים צו מיר אַ מתנה געבראַכט.

קריצט לילית די ציין ווי מיט שנאָבלען פון ראָבן,
און לאַכט מיט איר גיפטיק צעקרימט שוואַרצן מויל;
איך האָב דאָ אַ שד דיר געבראַכט און וועסט האָבן
מיט וועמען צו טיילן דיין פיינלעכן גרויל.

אָ, לילית, דו האָסט מיר דאָס בעסטע געגעבן,
די שענסטע מתנה האָסטו מיר געבראַכט,
ער וועט מיט מיר לאַכן פון טויט און פון לעבן,
איך וועל מיט אים שילטן דעם טאָג און די נאַכט.

אַליין

אין דער טיר און אין די שויבן,
קלאַפּט דער אומעט, לאָזט ניט גלויבן,
לאָזט ניט האָפן, לאָזט ניט וואַרטן
אויף אַ מאָרגן אָפּגעגנאַרטן.
טרייבט ער מיר פון הויז
אין דער גאַס אַרויס.
קומט אַ חבר אָן,
קוקן מיר זיך אָן
שטומערהייט.
ס׳פעלט די פרייד,
פעלן רייד...
גיט מען שטיל דעם קאָפּ אַ בויג,
און מיט טרויער איבעם אויג —
רעדט מען ניט גערעדטערהייט.
מען פאַרשטייט זיך שווייגנדיקערהייט.
און מען גייט אַוועק ווי אַלעמאָל
מיט זיך אַליין —
אין דער שטאָט פון שטאָל,
אין דער גאַס פון שטיין.

1932

חשבון הנפש

עס ציען זיך אונדזערע טונקעלע וועגן
אין בלייכע און האַלב שוין פאַרלאָשענע פלאַמען,
און שליסן אַלץ ענגער און ענגער די ברעגן
פון רוישיקע, ברויזנדע יאָרן צוזאַמען.

און וואָס איז אויף אונדזערע וועגן געבליבן?
חלומות וואָס לאַכן מיט צער פון חלומות,
סקעלעטן פון גלויבן און שאָטנס פון ליבן,
פון זוניקע יאָרן — צעריסענע שמות.

צעריסענע שמות געשריבן מיט פייער
ווען יוגנט האָט העל אונדזער לעבן געמאָלן,
ווען ס'האָט ניט פאַרשטאַנען די יוגנט ווי טייער
מיר וועלן פאַר אונדזערע טרוימען באַצאָלן.

דער ים און דער שטורעם, די ערד און דער הימל,
דער מאָרגן און אָוונט, ס'איז גאָרנישט געביטן,
נאָר אונדזערע טרוימען איצט ליגן אין שימל,
דאָס שטרעבן צו עפּעס געבליבן אין מיטן.

און ס'ווילט זיך נאָך שפּינען דעם חלום, די לידער,
און טראָגן אין האַרצן אַ גלויבן און שטרעבן
נאָך עפּעס וואָס זאָל אונדז באַגייסטערן ווידער,
נאָר ס'שטייט ביי דער טיר דאָס פאַרגייענדיק לעבן

און לאַכט מיט אַ ביטערן קאַלטן געלעכטער:
וואָס נאָך קענסטו נעמען? וואָס נאָך קענסטו געבן?
דיין פרייד איז אַ פאַלשע, דיין גליק ניט קיין עכטער,
ווילסט ליידן דערפאַר וויל עס ווילט זיך דיר לעבן!

ניט גלויב

פֿאַרשליס דיין טיר און טויער,
און זיי מיט זיך אַליין,
ניט גלויב און ניט באַדויער
קיין זיפֿצן און געוויין.

ווען עמעצער באַרירן
אין ווינטער־קעלט דיין שויב —
זיי בלינד און לאָז אים פֿרירן,
ער זוכט ביי דיר נאָר רויב.

ווען עמעצער צעקלינגען
דיין גלאָק אין שוואַרצער נאַכט,
טו לאָז דעם גלאָק צעשפּרינגען,
און האַלט דיין טיר פֿאַרמאַכט.

ווען עמעצער דיך לויבן
פֿון מאָרגן ביז אין שפּעט,
הער אויס, נאָר זאָלסט ניט גלויבן,
ער מיינט ניט וואָס ער רעדט.

עס ווערט דיר נאָר פֿאַרגונען
דיין ליידן און געוויין,
פֿאַרלוירן צי געפֿונען,
זיי בלויז מיט זיך אַליין.

1928

אַלץ אַזוי

עס האָט דער טאָג מיר צוגעזאָגט
גליקן אַלערליי,
און איז אַוועק מיך לאָזנדיק
וואַרטן נאָר אויף זיי.

עס האָט די נאַכט מיר צוגעזאָגט
פרייד גאָר אָן אַ סוף,
און איז אַוועק מיך לאָזנדיק
אין אַ שווערן שלאָף.

זיי קומען מיינע טעג און נעכט,
זאָגן מיר אַלץ צו,
נאָר טראָגן גליק און פרייד אַוועק
ערגעץ אַנדערשוואו.

אומזיסט

פרייד האָב איך געזוכט,
און ביטערניש געפונען.
גליק האָב איך געוואָלט
און געקראָגן צער,
אין די נעכט האָב איך
חלומות אויסגעשפונען,
און די מאָרגנס האָבן
מיר געמאַכט צום נאַר.

אַזוי זיינען מיינע
טעג און נעכט פאַרגאַנגען,
אין חלומות און איך
האָב זיך נאָר דערוואַרט
אויף דעם צער פון ניט
באַפרידיקטע פאַרלאַנגען,
און די ביטערניש
פון ווערן אָפּגענאַרט.

1930

ווי דער שטורעם

איבער טאָלן, בערג און פעלדער,
טראָגט זיך אום אַ שטורעם ווילד,
ברעכט די ביימער אין די וועלדער,
האַלט דעם ים אין שרעק געהילט.
וואוהין לויפט ער, וואוהין צילט ער?
מיט זיין רוישנדיק געוויין?
בענטשט ער וועמען, אָדער שילט ער?
לויפט ער דאָס פון זיך אַליין?

איך פאַרשטיי דעם ווילדן שטורעם,
מיט זיין יאָמערדיק געשריי,
ווייל מיר זיינען פון איין פורעם,
ווייל מיר זיינען גלייכע צוויי.
ווי דער שטורעם בין איך איינער,
אָן אַ פריינד און אָן אַ ציל,
גאָר מיין ווייגען הערט ניט קיינער,
ווייל מיין האַרץ וויינט אין דער שטיל.

1928

גאָט, פאַרגיב דעם מענטש

ס'ברענט דער הימל פון דעם פייער אויף דער ערד,
ס'ליגט די גאַנצע וועלט אין איין גרויסן פלאַם,
בלוט און טרערן האָבן אָנגעפילט אַ ים,
קיניג איז דער ביקס, הערשער איז דער שווערד.

ווערן הערצער אָנגעטרונקען מיטן בלוט,
ווערן אויגן אָנגעצונדן פון דעם פלאַם.
ווערט דאָס וואָרט אַ קללה אויסגעווייקט אין סם,
גאָט, פאַרגיב דעם מענטש, ער ווייסט ניט וואָס ער טוט!

1946

דו ביסט ניט אַליין

ניט מיין דו ביסט דער איינציקער
וואָס גייט אום אָן אַ ציל,
נאָך טויזנטער זיינען פֿאַראַן
וואָס גייען אום ווי דו
צעווייטיקט און צעבראָכן און
געיאָגט פֿון אַ געפֿיל
וואָס טרייבט זיי פֿון דעם אומעט צו
אַן אַנדער אומעט וואו.
דו ביסט ניט אַליין.

ניט מיין דו ביסט דער איינציקער
פֿאַרביטערט און אַנטוישט,
נאָך טויזנטער זיינען פֿאַראַן
פֿאַרביטערטע ווי דו,
וואָס האָבן זיך פֿאַרשיכורט מיט
אילוזיעס און באַרוישט
אַז ס'איז פֿאַר זיי נאָך גליק פֿאַראַן
באַהאַלטן ערגעץ וואו.
דו ביסט ניט אַליין.

ניט מיין דו ביסט דער איינציקער
וואָס וואָגלט אום אַליין,
נאָך טויזנטער זיינען פֿאַראַן
פֿאַרוואָגלטע ווי דו,
וואָס זוכן אין דער קאַלטער גאַס
פֿון אייזן שטאָל און שטיין
וואַרעמקייט און פֿריינטלעכקייט
און אין דעם טומל רו.
דו ביסט ניט אַליין.

אומרו

דו ווי איך און איך ווי דו,
מיר גייען אום און זוכן רו,
פון הויז אין גאַס, פון גאַס אין הויז,
די אומרו טרייבט אַריין, אַרויס.

דו קומסט צו מיר און רופסט מיך — גיין!
וואוהין? דאָס ווייסטו ניט אַליין,
דו ווייסט נאָר אַז עס רופט און ציט,
נאָך וואָס, צו וואָס? דאָס ווייסטו ניט.

און קומסטו ערגעץ וואו דיר דוכט
אַז דאָס האָסטו געוואָלט, געזוכט,
דאַן טרייבט דיך ווייטער, ווייטער גיין,
פון אַלעמען, פון זיך אַליין.

און גייסט אַוועק און קומסט צוריק
מיט ביטערניש אין האַרץ און בליק,
ווייל דאָרט ווי דאָ, וואָס מאַכט עס אויס?
ס'איז ענג די גאַס און ס'שטיקט אין הויז.

1928

דער וואָלף

אין פינצטערניש פון נאַכט
האָט זיך אין וואַלד
מיט דעם קאַלטן ווינט
אַ הונגעריקער וואָלף צעוויינט.
זיפצט די נאַכט:
„מער ווי פינצטערניש
פאַרמאָג איך ניט!“
קרעכצט דער וואַלד:
„מער ווי דאַרע צווייגן
האָב איך ניט!“
רוישט דער ווינט:
„אַליין בין איך,
ווי דו אַליין!“
קוקט דער וואָלף
אין שוואַרצער נאַכט
און שלינגט
זיין אייגענעם געוויין.

ביים ראַנד

אַ גרינע בלאַט סוף זומער,
געפּלעקט מיט רויט און געל,
אַ שיינער טאָג סוף זומער
וואָס ברעגנט מיט זיך אַ קעלט.
אַ זון וואָס שיינט אַרונטער
אויף אַלצדינג ליכטיק העל
מיט שטראַלן וועלכע ברענגען
קיין וואַרעמקייט דער וועלט.

אַ ווידערקול וואָס רופט זיך
קוים אָפּ פון באַרג אין טאָל,
אַ חלום וועלכער פּלאָנטערט
זיך אויס אין מאָרגן שיין,
אַ בלאַט געשיכטע פון
אַ שטורמיקן אַמאָל,
אַ בוך אין וועלכן קיינער
קוקט מער שוין ניט אַריין.

1928

האַרבסט שטימונג

עס וויינט אין גאַס דער ווינט, מיט זיין האַרבסטיק ניגון,
פאַרוויגנדיק די נאַכט אין איר קאַלטן שלאָף,
אָ, וואָלט ער מיר שוין אויך מיט דער נאַכט פאַרוויגן,
מיר זינגענדיק דאָס ליד, פון דעם געזוכטן סוף.

איך זאָל ניט בענקען מער, נאָך דאָס וואָס ועט ניט קומען,
ניט זען מיין האָפענונג מיט גרויען אַש פאַרשטויבט,
ניט פילן ווי דער יאוש האָט אַלץ צוגענומען,
ניט זען ווי אַלץ איז טויט אין וואָס איך האָב געגלויבט.

ניט זען צעבראָכענע די שענסטע אידעאַלן
וואו מיין נשמה האָט זיך יום־טובדיק געקליידט,
ניט זען ווי אויסגעטריקנט ס׳זיינען אַלע קוואַלן
פון וואַנען כ׳האָב געשעפּט באַגייסטערונג און פרייד.

ווי שווער עס ציען זיך די האַרבסטיק שווערע שעהן,
ווען ס׳רייסט דער וויינענדיקער ווינט די שוואַרצע נאַכט.
און עפּעס טיף אין האַרצן הערט ניט אויף צו נאָיען,
וואָס האָט די פינצטערניש נאָך פינצטערער געמאַכט.

1934

האַרבסט

פון די אויסגעדאַרטעביימער
פאַלן, פליען געלע בלעטלעך
אין דעם ווינטיקן געדריי.
אויבן ציען זיך די וואָלקנס
שווערע, שוואַרצע, ווי זיי וואָלטן
צו דער לעצטער רו געטראָגן
וועמען צווישן זיי.

ווי אַ קראַנקער וואָלט פון זיך
הויט און פלייש געריסן,
רייסט דער בייסנדיקער ווינט
די בלעטלעך פון די ביימער.
און די צווייגן וועלכע האָבן
די בלעטעלעך געבוירן,
הענגען איבער זיי
צעבראָכענע פון צער.

קוקט דער וואַלד אויף זיינע צווייגן,
קען ער ניט זיין צער פאַרשווייגן,
רוישט ער מיט געוויין.
טרייסט דער הימל אים דורך טרערן:
אַלע שטאַרבן און פאַרצערן,
דאַרבסט דאָ ניט אַליין!

1935

צו וואָס?

מיר טרעטן אויף טעג וועלכע בלייבן,
אויף יאָרן פאַרווישטע פון צייט,
אַלץ גיכער דעם מאָרגן דערגרייכן,
דעם מאָרגן וואָס איז אַזוי ווייט...

מיר טרעטן אויף שעהן וואָס ליגן
ווי שפּיציקע שטיינער אין פעלד,
און גייען צעבלוטיקטע קריגן
דעם שכר פון געפאַלענעם העלד.

און וואָס איז דער שכר וואָס מיר קריגן?
און וואָס איז דער שכר פון דעם העלד?
אַ בערגל מיט זאַמד אויף די זיגן,
ביים לעבן אַליין זיך געשטעלט.

נאָך ניטאָ

דיאַגאָנעס. דורות זיינען אין
דער אייביקייט צערונען,
פון זינט דו האָסט געזוכט
מיט ליכט אין העלער שעה
אַ מענטשן אויף דער ערד,
געזוכט און ניט געפונען,
ווייל ס'האָט דער מענטש געפעלט,
און איז נאָך אַלץ ניטאָ.

עס איז נאָך יענער מענטש
דערווייליע ניט געבוירן
וואָס זאָל צוליב אַ צווייטן
פאַרזען זיך אַליין.
און ס'וועלן נאָך פאַרבייגיין
פילע, פילע יאָרן
ביז וואַנען ס'וועט דער מענטש
צום הויך פון מענטש דערגיין.

מאָרגן

מאָרגן וועל איך אויפשטיין אַ באַנייטער,
מיט אַ גרינגן, פריילעכן געמיט,
מאָרגן וועל איך ווערן אַ באַפרייטער
פון דער זאָרג וואָס האַלט מיך ווי געשמידט.

מאָרגן וועט מיין וואַלד זיך שיין צעגרינען,
מאָרגן וועט צעבליען זיך מיין פעלד,
מאָרגן וועל איך ערגעץ גליק געפינען,
און צו מיר געהערן וועט די וועלט.

מאָרגן וועט דער עלנט מער ניט וויינען
ווי אַ הונגעריקער וואָלף אין נאַכט,
מאָרגן וועט דאָס לעבן מיר באַלוינען
פאַר דעם פיין וואָס ער האָט מיר געבראַכט.

מאָרגן, מאָרגן, וואַרטן אויף דעם מאָרגן,
און דערווייל — אַנטוישונגען און נויט,
ערגעץ ליגט דאָס גליק פאַר מיר פאַרבאָרגן,
נאָר וועט קומען שפּעטער, נאָך מיין טויט.

בלינד

ווי אַזוי געפינסטו מיר, בלינדער בעטלער, אַלטער?
וואו איך קום נאָר גייסטו מיר אַלעמאָל אַנטקעגן,
אין דעם הייסן טאָג, אין דער נאַכט דער קאַלטער,
אַ געיאָגטער און געבייטשט פון דעם ווינט און רעגן.
אויף די גאַסן, אין די באַנען, כ׳קען דיר ניט פאַרלירן
מיט דיין אויסגעשטרעקטער האַנט טאַפּנדיק די ברעגן,
ווי דער מזל וואָלט דיר נאָר אויף מיינע וועגן פירן,
צי בין איך גאָר בלינד און גיי אויף דיינע וועגן?

צי בין איך גאָר בלינד און הער ניט אויף צו שרעקן
מיט דער זאָרג פון מאָרגן אין אויגן אויפגעפּראַלטע,
אַנגעשפּאַרט אָן האָפענונג, אָן אויסגעהוילטער שטעקן,
זוכנדיק אין וואָלקנס האָריזאָנטן אויפגעשטראַלטע.
ווערנדיק געשטרויכלט איבער יעדן שטיין און דאָרן
אין געיעג נאָך איינגערעדטן גליק אויף בלינדע וועגן,
און געפין נאָר טרויער פון אַנטוישטע יאָרן,
און דעם פּיין פון אונטערגיין ביי פאַרשווענקטע ברעגן.

בלינדער בעטלער, אונדזער גורל איז דאָך איינער,
גיין צווישן מענטשן און ניט זען קיין פריינד אין קיינעם,
בלויז נאָר הערן טעמפּע טריט אויף האַרטע שטיינער,
וואָס פאַרקלינגען ערגעץ מיט מיין זיפץ אין איינעם.
זען פאַר זיך אַ וועג אין דמיון אויסגעפורעמט,
דאָך ניט וויסן וואו דער צווייטער טראָט וועט פירן,
וואו מען קערט דעם קאָפּ, אַ שוואַרצע וואַנט זיך טורעמט
מיט פאַרהאַקטע פענצטער און פאַרשלאָסענע טירן.

אונדזער לעבן

צו פּ. ק.

באַלד אַ האַלבן לעבן אָפּגעלעבט צוזאַמען,
שטורעמס דורכגעגאַנגען אויף דעם לאַנגן וועג,
און אַט זיינען מיר שוין נאָענט ביי דעם ברעג,
וואו בלויז פונקען טליען פון די אַלטע פלאַמען.

קינדער זיינען אויסגעוואַקסן אין דער צייט,
בלומען וועלכע צירן אונדזער האַרבסטיק פעלד,
און עס הייבט זיך אָן מיט זיי אַ נייע וועלט,
אַזוי ליב און נאָענט און — דאָך אַזוי ווייט.

קוק איך אויף די קינדער, זע איך מיין „אַמאָל",
ווען איך האָב מיין יוגנט־צער און פרייד געפילט,
נאָר ווי אַנדערש האָט זיך דאַן מיין צער געשטילט,
און די פרייד פלעגט זינגען מיט אַן אַנדער קול...

נייע הימלען זע איך ליגן אויסגעשפּרייט,
נייע לעבנס זע איך בליען פאַר מיין בליק.
זינגט אין מיר דאָס האַרץ און בעט פאַר זייער גליק,
און עס וויינט וואָס אייגן לעבן שטיל פאַרגייט.

1930

מיין מאַמע

אין אָנדענק פון מיין ברודער הערי קאַמין

מיין אַלטינקע מאַמע, צוזאַמענגעבויגן,
מיט נײַנציק יאָר אין די האַלב־בלינדע אויגן,
זי רוט ניט קיין רגע פון מאָרגן ביז שפּעט,
זי וואָלט נאָר געדאַוונט, געשטריקט און גערעדט.

זי רעדט פון איר לעבן וואָס איז שוין ביים ראַנד,
זי רעדט פון איר טויט און זאָרגט נאָכאַנאַנד —
צי פאַסטן און תהילים און צדקה און שול,
האָט איר צוגעגרייט אין גן־עדן אַ שטול.

זי רעדט פון אַמאָליקע ביטערע טעג
וואָס זי האָט באַגעגנט אויף איר לאַנגן וועג,
זי רעדט פון די צרות וואָס זי האָט נאָך היינט
פון קינדער און אָרעמע קרובים און פריינד.

אָט דעם פעלט אַ שוך און יענעם אַ קלייד,
אָט דער איז אַ קראַנקער און יענער אין נויט,
אַ קינד איז פאַר טויזנטער מייל ערגעץ ווייט,
און גאָט ווייסט צי וועט זי אים זען נאָך אין צייט.

און אָט פאַלט דעם טאַטנס יאָרצייט באַלד אויס;
איר צער און איר ווייטיק איז דאָך אַזוי גרויס,
האָט קינדער געהאַט אין אַ מזלדיק שעה,
דריי זין און קיין איינציקער קדיש ניטאָ.

דער טאַטע איז געווען אַזאַ צדיק אַ ייד,
אַזוי ווי דאָס לעבן די תורה געהיט,
און קינדער ווי גויים! ווי קומט עס צו איר?
די זין ווי די איידעמס, די טעכטער ווי שניר!

ס׳האָט נעכטן אַ מגיד געזאָגט אין איר שול,
איז יעטווידער ווינקל געווען דאָרטן פול,
עס זיינען אַפילו ניט פרומע געווען,
נאָר אירע קדישים האָט זי ניט געזען.

אין היינטיקער סדרה איז אַ מעשה פאַראַן —
נאָך שענער ווי ס׳איז זייער שענסטער ראָמאַן,
וואָס וואָלט זיי דען לייענען די סדרה געשאַדט?
נאָר רייד אַז זיי זיינען אַזוי ווי געשמדט!

ווי אַנדערש אַמאָל איז געווען די וועלט,
ווער האָט דאָס געוואוסט פון זיך יאָגן נאָך געלט?
אַ ביסל געליען, אַ ביסל געבאָרגט,
און די וועלט געהאַט און אויך יענע פאַרזאָרגט!

מיין אַלטינקע מאַמע, ווי ליב און ווי גוט
עס איז איר צו האָבן מיט אַלץ וואָס זי טוט,
זי טראָגט אירעליידן מיט הייליקער פרייד,
און וואַרט אויף דעם לעבן וואָס קומט נאָכן טויט.

1930

דאָ ווי דאָרט

זאָג, וואָס רעגסטו האַרץ מיינס,
און יאָגסט מיך ווילד אַרום,
נאָך דעם רויך אין לופטן,
נאָך דעם ווינט אין פעלד?
זאָג, וואָס רופסטו מיר
און מאָנסט כסדר: קום!
ווען עס איז מיר ענג
און קליין די גרויסע וועלט.

וועט מיר דען אין צפון
צי דרום בעסער זיין?
וועל איך דען אין מזרח
צי מערב קריגן רו?
וואו איך וועל נאָר קומען
וועסטו אויך דאָך זיין,
וואָס־זשע יאָגסטו מיר
ערגעץ אַנדערשוואו?

וואו גייסטו מיין חבר?

וואו גייסטו מיין חבר? אין דרויסן איז קאַלט,
דער טייך איז פאַרפרוירן און טרוקן דער וואַלד,
דער הימל איז טונקל און שוואַרץ איז די וועלט,
וואו גייסטו מיין חבר אַרום אין דער קעלט?

וואָס זוכסטו מיין חבר אַרום אין דער פרעמד?
דאָס פעלד איז צעטראָטן, די שטאָט איז פאַרברענט,
דאָס הויז איז צעבראָכן, קיין דאַך און קיין טיר,
דאָרט שטייט נאָר אַ חורבה אַ פּוסטע פאַר דיר.

וואָס האַלסטו מיין חבר די אויגן פאַרמאַכט,
ווען ס'איז אַזוי מוראדיק פינצטער די נאַכט,
צי וועט דען דער יאוש, דער צער און דער פיין,
דיר ברענגען דערלייזונג פון פינצטערן זיין?

צי האָסטו, מיין חבר, אין פראָסטיקן פרעמד
דיין „איך" ווען געפונען? דיין „איך" ווען דערקענט?
מיט אויגן צעעפנט אין זיך קוק אַריין,
דאָרט ליגט דיין דערלייזונג פון יאוש און פיין.

לשנה טובה

מיר רייסן פון לוח די בלעטער,
כסדר יאָר אויס און יאָר איין,
און האָפן נאָך אַלץ אויפן „שפּעטער",
און וואַרטן ס'זאָל בעסער אונדז זיין.

נאָר ס'קומען די יאָרן נאָך יאָרן
מיט גרעסערן אומגליק און וויי,
פון קרענקלעכער שנאה געבוירן,
נאָר ס'קומט ניט דער „שפּעטער" מיט זיי.

מיר גייען דעם ניי־יאָר אַנטקעגן
און זוכן מיט אויגן פול פּיין
אַ ליכט־שטראַל אויף אונדזערע וועגן,
פון עפּעס, פון ערגעץ אַ שיין.

נאָר ס'ליגן די וועגן צעגראָבן
געהילטע אין חושך פון נאַכט,
וואו ס'קראַקען די נאַכט שוואַרצע ראָבן,
וואו ס'האָבן זיך שדים צעלאַכט.

נאָר חושך און שדים און ראָבן
זיי זיינען פון אייביק געווען,
וואָס לאָזן דעם יידן ניט האָבן
קיין רו און קיין טאָג־ליכט ניט זען.

און ס'הערט ניט די שנאה אויף זידן
אין פלאַקער פון פינצטערער צייט,
נאָר קומען וועט דאָך פאַר אונדז יידן
דער „שפּעטער" וואָס איז שוין ניט ווייט.

ניט פֿאַרצווייפֿל

ה. לייזויקן

און ציט דער אונטערגאַנג אַראָפּ,
האַלט אויפֿגעהויבן הויך דיין קאָפּ.
וועסטו אויפֿגיין אין דעם אונטערגאַנג
נאָך שענער מיט אַ ניי געזאַנג.

און הערסטו ווי אין שוואַרצער נאַכט
עס האָבן שדים זיך צעלאַכט; —
ניט לאָז געוועלטיקן דעם שרעק,
ס'וועט מיט דער נאַכט דער שרעק אַוועק.

און אין דערפֿרי, אין זונענשיין,
וועסטו דערזען: עס האָט דיין פּיין
געלייטערט דיך, און ס'האָט די נאַכט
אַ נייע זון פֿאַר דיר געבראַכט!

צוועלף יאָר

צום געבורטסטאָג פֿון וו. ס.

ווי גאָלדענע רינגען געקייטלט צוזאַמען
געפֿלאָכטן פֿון קינדערשן טרוים,
צוועלף שטערן וואָס לויכטן און גליען ווי פֿלאַמען,
און שפּרייטן זיך אויס אין דעם רוים.

צוועלף יאָר שוין און פֿולער עס ווערן די זאַנגען,
און ליכטיקער ווערט אַלץ דער שניט,
אַ פֿרילינג, אַ זומער און באַלד קומען קלאַנגען,
די פֿריידיקע קלאַנגען פֿון שניט.

צוועלף יאָר און די יאָרן וואָס קומען אַנטקעגן,
זיי זאָלן באַהעלן דיין גאַנג,
אויף לעבנס פֿאַרפֿלאָנטערטע פֿינצטערע וועגן,
דיין לעבן זאָל זיין נאָר געזאַנג.

מיר די עקשנים

דער איבערגעגעבענעם שול־טוער אליהו סטאַן

אַ, מיר די עקשנים, וואָס קענען ניט רוען,
נאָר האַלטן די יידישע שולן אין בויען,
וואָס האָבן קיין צייט ניט צו עסן און שלאָפן,
נאָר אייביק געיאָגט זיך און אייביק געלאָפן
אַזוי ווי אין טרוקענעם מדבר דער ווינט,
אויף שטיינערנעם באָדן, אויף פעלזיקע ברעגן,
אויף בערג און אין טאָלן, אויף זאַמדיקע וועגן,
אין היצן און קעלטן, אין רעגנס און שנייען,
און האַלטן אין גראָבן, אין אַקערן, זייען
די קערנער פון יידיש פאַרן יידישן קינד.

יאָ, מיר די עקשנים וואָס ווערן פון קלוגע
און פּראַקטישע מענטשן באַטראַכט ווי משוגע
פאַר אונדזערע טרוימען פון יידיש צו שמידן
אַ קעמפנדן ייד פון די קינדער פון יידן
פאַר אַלץ וואָס איז שיין און גערעכט.
אַ, זאָלן זיי לאַכן, שוין שפּראָצן די קערנער
פאַרזייט אויף גראַניט צווישן פעלדזן און דערנער
שוין שפּרייטן זיך פעלדער צעבליטע אין פולן
און לייכטן אַרויס פון די יידישע שולן
אויף יידישע פינצטערע נעכט.

דער ערשטער שניי

ס'איז דער ערשטער שניי געפאַלן
און די וועלט באַצירט מיט ווייס.
האָבן קינדערלעך דערפרייט זיך
מיט דעם שניי און מיט דעם אייז.

קינדער ווערן פריילעך, לוסטיק
אין דער אָנגעשנייטער וועלט,
פענצטער פול מיט ווייסע בלומען,
בעקלעך ווערן רויט פון קעלט.

פון דעם הויכן הימל פאַלן
פעדערלעך פון קלאָרן שניי,
פליען, לויכטן, שימערירן
ווי קרישטאָלן אין געדריי.

ביימער ווערן אָנגעהאָנגען
מיט אַ צווייט פון שטיקלעך אייז,
צווייגן נעמען פלוצלונג בליען
מיט אַ קאַלטן בלויען ווייס.

און די קינדערלעך אין שליטלעך
מיט געפילדער און געשריי,
פליען, קייקלען זיך און ווערן
אַנגעוואַרעמט אין דעם שניי.

הענטלעך פרירן, אויגלעך ברענען,
פונקען שפּריצן אַזש אַרויס,
שפּילט מען זיך אין פראָסט צעהיצטע,
ביז די מאַמע רופט אין הויז.

אַ זוניקער ווינטער־טאָג

ווען ניט ווען און וואו ניט וואו
לאָזט די זון פון הימל פאַלן
בלייכע, שטאַרבנדיקע שטראַלן
וועלכע זאָגן עפּעס צו.

ליכטיקט־אויף די קאַלטע וועלט,
הויבט אָן אומרואיק זיך רעגן,
שמייכלענדיק דער זון אַנטקעגן
דורך דער שניידנדיקער קעלט.

פאַרנאַכט

אויפן ברעג פון הימל
נעמט דער טאָג זיך בלייכן,
יונגע אָוונט שאָטנס
שפּרייטן זיך אַרום.
וויקלען איין אין טונקל —
בלויען זייד די פעלדער,
וויקלען איין אַ חלום
איין דעם בוים און בלום.

ערגעץ פון די טיפע
הויכן פאַלט אַן אומעט,
לאָזט זיך שטיל אַראָפּ
אויפן פעלד און וואַלד,
עפּעס ווי ער וואָלט אַ
טיפן סוד געטראָגן
צו דערציילן נאָר
דער נאַכט וואָס קומט אָן באַלד.

שיינקייט

ל. געלפּאַרן

שיינקייט איז אין אַלץ פאַרבאָרגן,
וואָס מיר זעען און מיר פילן,
אין דעם פריען גראָען מאָרגן,
אין דעם בלייכן אָוונט שטילן.
אין די בלעטער וועלכע פאַלן
פון די איינגעדאַרטע צווייגן,
אין דעם פליסן פון די קוואַלן,
אין פאַרשטיין זיך דורכן שווייגן.
אין דעם צער וואָס בלייבט פאַרהוילן,
אין דעם רויש פון שאַפ־מאַשינען,
אין די סודות פון די הוילן,
אין דעם זוכן און ניט געפינען.
אין דעם ווייטיק פון אַנטוישונג,
ווען דאָס שענסטע הויבט אָן בלייכן,
אין דערוואַכן פון באַרוישונג,
אין דעם גרייכן און ניט דערגרייכן.
אין דער פרייד פון קענען גלויבן
אין אילוזיעס וועלכע פאַנגען,
אין דעם קענען זיך דערהויבן
איבער אייגענע פאַרלאַנגען.
אין דער לאַווע פון וואולקאַנען,
אין דעם שטורעם פון געפילן,
שיינקייט איז אין אַלץ פאַראַנען,
נאָר מען דאַרף דאָס זען און פילן.

קעמפ גן־עדן

יוסף קעסלערן

אויבן טונקלט בלוי דער הימל,
אונטן גרינט דאָס גראָז אין פעלד,
רונד אַרום די בערג אין דרימל
היטן צווישן זיך די וועלט.

ביי דער זייט דער האָדסאָן שפּיגלט
זיך אין זונענדיקן שיין,
אַרום אים אַ וואַלד זיך וויקלט,
ס׳דוכט, ער שלינגט דעם האָדסאָן איין.

טייך און וואַלד און בערג און טאָלן,
קוקסט און די נשמה רעדט,
וועלכער קינסטלער קען דאָס מאָלן?
ס׳פעלט דאָס וואָרט אויס דעם פּאָעט.

ביימער, בלומען, גראָזן ריידן,
פייגלעך זינגען אין דעם צוויט,
צווישן זיי ליגט דער גן־עדן,
מיט זיין חלום, מיט זיין ליד.

פון די שטערן אָנגעצונדן
קוקט אַראָפּ די בלויע נאַכט,
כישופדיק צזויפגעבונדן
מיטן וואַלד און טייך און וואַכט.

קומט אַ ווינטל, רעדט אין אויער,
פון די שטערן, פון דער נאַכט,
פיל איך ווי ס׳פאַרשווינדט דער טרויער
וואָס איך האָב פון שטאָט געבראַכט.

סאָציאַלע לידער

זומער 1938

עס בליען אין זומער די בלומען אויף פעלדער,
און פייגעלעך זינגען אין קוסט און אויף בוים,
עס ריידן די ווינטלעך מיטביימער אין וועלדער,
און טייכעלעך פליסן אַזוי ווי אין טרוים.

נאָר ווער קען פאַרנעמען די ווינטלעך, די בלומען?
און ווערן פאַרכישופט פון פייגל געזאַנג —
ווען בייזער געוואַלד האָט די וועלט איינגענומען,
און האַלט זי אין אייזערנעם בלוטיקן צוואַנג.

אַוואו נאָר אַ לאַנד איז דאָרט חורבן און טרויער,
פאַרצווייפלונג און אַנגסט איז אויף יעדן צעשפּרייט,
ווען הפקר דער מענטש איז, די נויט אומגעהויער,
און לעבן שפּאַצירט אין די אָרעמס פון טויט.

דאָס שפּאַנישע ערד איז מיט בלוט אַנגעטרונקען,
מיט חשד און מיט מורא איז רוסלאַנד פאַרפלייצט,
אין גיפטיקן האַס איז רומעניע פאַרזונקען,
און ס׳זיצט איבער דייטשלאַנד אַ חיה צערייצט.

עס שווימט אויף פאַשיסטישע כוואַליעס איטאַליע,
עס צאַפּלט זיך כינע אין וועלפישע ציין,
עס בושעוועט פוילן אין איר וואַקכאַנאַליע,
פאַרשיכורט פון יידישן צער און געוויין.

עס גייען מיליאָנען אַרום ניט געגעסן,
און שלאָפן אין גאַס אויפן קאַלטן גראַניט —
אין גאָלדענעם לאַנד, וואו דער מענטש איז פאַרגעסן,
צעטראָטן אין ווילדן געיעג נאָך פּראָפיט.

אַ פֿינצטערע שנאה האָט ווילד זיך צעפֿלאַקערט
ביים ייִד און אַראַבער אין „הייליקן לאַנד",
און מענטשלעכע לעבנס, און פֿעלדער צעאַקערט,
איצט ליגן צעטראָטן אין בלוט און אין שאַנד.

עס האָבן די פֿעלדער און וועלדער צעבליט זיך?
אין וויאָלעט־גאָלדיקן גרין איז די ערד?
דאָס אויג אָבער זעט נאָר דעם מאַרש וועלכער ציט זיך
אויף בלוטיקע וועגן מיט פֿייער און שווערד.

עס זינגען די פֿייגל? ווער הערט זייער זינגען?
עס בליִען די בלומען? ווער זעט זייער צווייט?
איצט הערט מען נאָר קוילן פֿון ביקסן ווי ס'קלינגען,
און וועלט ליגט אין בלוטיקע קייטן געשמידט.

צו זינגען פֿון טייכלעך, לבנה און שטערן,
קאָן דער וואָס איז זאָט, צי טויב אָדער בלינד,
נאָר די וועלכע פֿילן, און זעען און הערן,
זיי זינגען גאַנץ אַנדערע לידער אַצינד.

ערשטער מײַ, 1898

נ. כאַנין — אַ מתנה.

אין שלאָס־גאַס איז רואיק, די מויערן שלאָפֿן,
דער ווײַסער אוטשאַסטאָק נאָר שטייט אויפֿגעוואַכט,
ווי ער וואָלט געפֿילט אַז ס׳איז עפּעס פֿאַרלאָפֿן
אָט דאָ אין די טונקעלע שעהן פֿון נאַכט.

אויך מיך נעמט קיין שלאָף ניט, איך קוק אויפֿן זייגער,
שוין פֿינף און עס נעמט מיר אַן אומרו אַרום,
נאָר אָט קומט פֿון יאַטקע־גאַס מאַטקע דער בייגער,
איך פֿרעג אים אַן ווערטער, ער ענטפֿערט מיר שטום.

און דאָרטן גייט גרוניע, דער בעקערקעס מיידל,
מיט קאַשיקעס בייגל איז פֿול אירע הענט,
אַ מיידל אַ בלייכע, אַ שטילע און איידל,
וואָס וואָלט מיט איר פֿייער צען וועלטן פֿאַרברענט.

און אָט קומט אַן לייבקע דער בערשטער, פֿאַרשלאָפֿן,
ער זעט דאַכט זיך קיינעם, נאָר זאָגט מיר וואָס שטיל,
ער נעמט זיך צו דרום און איך גיי צו צפֿון,
מיר גייען באַזונדער צום זעלביקן ציל.

דער אַלטער מאַרק וועקט זיך, שוין אָפֿן אַ קרעמל,
דער האַנדל און וואַנדל הויבט אַן אויפֿצוגיין,
שוין טומלט אויף יעטוועדן ראָג אַ געזעמל
עס פֿירט אַן איזוואָשטשיק דערווייל זיך אַליין.

איך גנבֿע די טריט פֿאַרביי פֿענצטער און טירן,
און אָט בין איך שוין ביי דעם גרויסן בולוואַר,
דאָרט וואַרט שוין אַ חבֿר וואָס דאַרף עס מיר פֿירן
צו קעמפֿן אויף לעבן און טויט מיטן צאַר.

דער גרויער פרימאָרגן ווערט ברייטער און העלער,
עס איילט מיר מיין חבר און טרייסט מיר: אַט באַלד!
עס איז שוין ניט ווייט, נאָר אַ ביסעלע שנעלער,
אַט איז קאַמאַרזיקע און דאָרטן דער וואַלד.

מיר לויפן אַריבער אַ פעלד און אַ גאָרטן,
מיר שפּרינגען אַריבער אַ טייכל, אַ צאַם,
מיר קומען צום וואַלד און געפינען שוין דאָרטן
דעם בונד אָנגעצונדן פון הייליקן פלאַם.

מיר זיינען געקומען. צוויי יידישע קינדער,
באַגייסטערט, פאַרמאַטערט, צום יום־טוב אין וואַלד —
צו העלפן באַפרייען דעם שקלאַף פון זיין שינדער,
באַפרייען די וועלט פון דעם בייז, פון דעם גוואַלד!

צוויי יינגלעך. אַ קלויזניק וואָס האַלט זיך אין פלאַגן
אין קליינעם בית מדרש און הונגערט און פרירט,
דער צווייטער גייט אום מיט חלומות, צו טראָגן
אַ מאַנטל מיט זילבערנע קנעפּלעך באַצירט.

מיר זיינען געקומען. דער וואַלד איז געלעגן
אין יום־טוב פון פרילינג און פרייהייט געקליידט,
דיביימער מיט פאַנען, מיט בלומען די וועגן,
און הערצער מיט מוט צו דעם קאַמף צוגעגרייט.

עס האָבן די פייגעלעך פריילעך געזונגען
די לידער פון פרייהייט, די לידער פון מיי,
די ביימער און בלומען. דער וואַלד האָט געקלונגען
מיט לידער פון קאַמף קעגן דער טיראַניי!

אַ פֿריידיקער ציטער האָט מיך איינגעקלאַמערט,
ווי ס׳פֿילט נאָר אַ פֿרומער יום־כּיפּור ביינאַכט.
אין יינגלשן מוח האָט עפּעס געהאַמערט,
עס האָט מיין נשמה געוויינט און געלאַכט.

איך קוק אויף מיין חבֿר, ער שטייט ווי דערשראָקן,
די אויגן נאָר ברענען אים פֿיבעריש רויט,
און ס׳קלינגען די רעדנער מיט שטימען ווי גלאָקן:
אַ, אַרבעטער שקלאַפֿן! צערייסט אייער קייט!

אַ סוף צו די הערשער! די הענקער און האָרן!
און ס׳נעמען זיך ביילן אין פֿויסטן די הענט;
איך וואָלט איצט דעם קיסר מיט זיינע זשאַנדאַרן
מיט אַלע טיראַנען פֿאַרניכטן געקענט!

איך פֿיל ווי עס מישן אין האַרץ זיך צוזאַמען
געפֿילן פֿון ליבע, געפֿילן פֿון האַס,
צו די וועלכע טראָגן פֿון פֿרייהייט די פֿלאַמען,
צו די וועלכע דריקן דעם אַרבעטער־קלאַס!

אין וואַלד הויבט אָן טונקלען, דער טאָג איז פֿאַרגאַנגען,
איך קוק זיך אַרום ווי פֿון שלאָף אויפֿגעוואַכט,
פֿון ערגעץ דערטראָגן זיך שטילע געזאַנגען,
באַגלייט פֿון די פֿייגל, באַגלייט פֿון דער נאַכט.

עס קלינגען די לידער פֿאַרבענקטע און שטילע
פֿון קאַמף און מאַרטירער און בלוטיקן שטרייט,
אַזוי ווי פֿון וואַלד וואָלט זיך טראָגן אַ תּפֿילה,
און ס׳טראָגט מיר אַ כּישוף אַוועק ערגעץ ווייט.

מיר גייען אַהיים אויף פאַרשיידענע וועגן,
באַגלייט פון די סודות פון טונקעלן וואַלד,
און ס׳קומען אונדז קליינינקע שטערן אַנטקעגן,
באַגריסן אונדז פריידיק און ליכטיק: אַט באַלד!

מיר גייען אַהיים און איך פיל אַז געבליבן
איז דאָרטן מיין האַרץ, אין דעם וואַלד, אין געזאַנג,
וואו ס׳האָט מיר דער בונד אויסגעלערנט צו ליבן
דעם קאַמף קעגן הערשער, דעם קאַמף קעגן צוואַנג!

סאַקאָ און וואַנזעטי

(געשריבן אין דער נאַכט פון זייער טויט).

צו וועמען זאָל איך איצטער מיינע אויגן הויבן
און בעטן אין מיין טיפן גרויסן צער און פּיין?
אַז טויט איז דער רחמנות גאָט וואָס דאַרף זיין אויבן,
און טויט איז די גערעכטיקייט וואָס דאַרף דאָ זיין.

ניט בלויז דער מאָרד פון די מאַרטירער ברענט דעם מוח,
ניט בלויז די לעבנס צוויי געטויט פאַר אונדזער גליק,
ס'ברענט אויך אַ פייגלעך צאָרן אויף דעם ריזן כוח
וואָס ליגט געבונדן אין אַן אויפגעבונדן שטריק.

ניט נאָר די פרייהייטס־קעמפער אין דעם פרישן קבר
האָט ס'האַרץ אין שניידנדיקן ווייטיק איינגעשמידט,
אַ בייסנדיקער צאָרן פילט אויס יעדן אבר
אויף די וואָס פלאָגן זיך און העלפן זיך דאָך ניט.

ס'איז ניט נאָר די צוויי לעבנס אין דער העל פאַרזונקען
אין קאַמף פאַר פרייהייט קעגן אונטערדריקערס קנוט.
נאָר אויך די רואיקייט וואָס האָט דעם קנעכט פאַרטרונקען,
וואָס ביילט דעם פויסט און בייסט די ציין אין ליפּ ביז בלוט.

צו וועמען זאָל איך איצטער מיינע אויגן הויבן?
צו וועמען קען איך בעטן אין אָט דער מינוט?
צו די וואָס האָבן זיך אויף מענטשלעך בלוט דערהויבן,
צי יענע וועלכע האָבן געדולד נאָר ניט קיין מוט?

סאַקאָ און וואַנזעטי, איר זענט געווען קרבנות,
נאָר אייער בלוט וועט שרייען ביז אויפשטיין וועט דער קנעכט,
און צאָלן בלוט פאַר בלוט אָן איינזען, אָן רחמנות,
ווען ברענען וועלן נעמען די פוסטע שוואַרצע נעכט.

אַלעקסאַנדער בערקמאַן

ווער זאָגט אַז בערקמאַן איז געשטאָרבן?
ווער זאָגט אַז בערקמאַן איז ניטאָ?
עס איז ניט טויט אַ פרייהייטס קרבן,
זיין האַרץ, זיין גייסט איז מיט אונדז דאָ.

זיין וואָרט וואָס האָט די וועלט געצונדן,
זיין מוט וואָס האָט געלאַכט פון שרעק,
דאָס בלוט פון זיינע טיפע וואונדן,
זיי וועלן פריי מאַכן דעם וועג

פאַר די וואָס וועלן שפּעטער קומען,
און לעבן פריי און לעבן שיין,
זיין דערנער־וועג — דאָרט וועלן בלומען
אַרויסוואַקסן — פאַר אים אַ קרוין.

אַט דער וואָס גיט אָפּ זיינע פריידן
פאַר יענעמס נויט, פאַר יענעמס פּיין,
אַט דער וואָס שטאַרבט פאַר יענעמס ליידן,
וועט קיינמאָל פאַר אונדז טויט ניט זיין.

דאָס פייער וואָס ער האָט געטראָגן
ביי זיך אין האַרצן גליט און ברענט,
אַ שטורעם האָט דעם פלאַם פאַרטראָגן
צו אייביקייט — זיין מאָנומענט.

די מאַרסעליעזע

מ. קליבאַרד — אַ מתנה

ס'קומען טעג אין גרויען לעבן
ווען דאָס האַרץ איז קראַנק און מיד,
ווען עס דוכט עס קען ניט געבן
מער קיין פרייד צו בעסערס שטרעבן,
זינג איך דאַן מיין האַרציק ליד.

זינג איך דאַן דאָס ליד פול פייער,
פול מיט שטורעם און מיט גלוט,
ווערט דאָס האַרץ מיר ברייטער, פרייער,
וואַקסט אַ גלויבן אויף אַ נייער,
צינדט זיך ווידער אָן דאָס בלוט.

וועקט דאָס ליד צום קאַמף מיר ווידער,
טרייבט דעם צווייפל פון מיין האַרץ,
ברויזט עס אויף אין אַלע גלידער
יענער אַלטער רוף: אַ, נידער
מיט אַ לעבן וויסט און שוואַרץ!

קלינגען העכער אירע טענער,
גיסן קלאַנגען זיך אָן סוף,
ווערט דער וויי אין האַרצן קלענער,
קוקט די וועלט אויס פרייער, שענער,
רופט אַ שטימע: קעמף און האָף!

1911

הובלשפּענער

(בראָנזווילער סטאָליער)

אַ לעבן — געהובלט, געהאַמערט,
אַ לעבן — געטאָקט און געשניצט,
די ווערטער, אין אומעט געקלאַמערט,
זיי האָבן איראָניש געבליצט.

אַ לעבן געשאַרפט און געשליפן,
די הובל, די האַק און די זעג,
צו שניידן דעם חושך דעם טיפן
וואָס האָט זיך געשפּרייט אויף זיין וועג.

אַ לעבן חלומות געשפּונען,
אַ פריידיקע וועלט זיך געמאָלט,
און צער אַנשטאָט פריידן געפונען,
מיט ווייטיק פאַר טרוימען באַצאָלט.

עס זיינען די שפּענער געפאַלן
געהילט אין סאַטירע און פיין;
געפאַלן ווי זוניקע שטראַלן
אין פינצטערן אָפּגרונט אַריין.

דאָך ווייס אַז עס וועט ניט פאַרשווינדן
דיין וואָרט אָנגעשריבן מיט גאַל,
עס וועלן זיך ווען נאָך צעצינדן
די הערצער מיט דיין אידעאַל.

וואָל טאָג

שוין זיצן געגרייט די דערפּאַרענע שעכטער
מיט גלאַטע און שאַרפֿע געשליפֿענע ציינגער,
מיט אויגן וואָס גליען מיט האַס און געלעכטער,
מיט פֿלינקע גנבֿישע ברודיקע פֿינגער,
און קוקן מיט פֿרייד ווי עס גייען די רינדער
מיט העלדזער געשטרעקטע צו זייערע שינדער.

עס גייען די מחנות וואָס לאָזן זיך רויבן
אַן האַס און אָן ליבע, אָן פֿרייד און אָן צאָרן,
באַוואַקסן מיט געל גרינעם שימל פֿון גלויבן
וואָס האָט זיך געקליבן פֿון טויזנטער יאָרן.
זיי גייען באַנוצן דעם באַלאַט אַלס וואָפֿן
צו קענען פֿאַרבלייבן פֿרייוויליקע שקלאַפֿן.

זיי גייען ווי שטאָלצע מיט רוקנס געבויגן,
זיי גייען ווי פֿרייע מיט ווילנס געבונדן,
זיי גייען ווי בראַווע מיט צער אין די אויגן,
זיי גייען ווי העלדן און קרעכצן פֿון וואונדן
וואָס האָבן זיך דורות און דורות געקליבן,
וואָס זיינען פֿון וואַלן צו וואַלן פֿאַרבליבן.

דאָך ווען ס'איז וועט קומען אַ טאָג אַ געזעצטער,
ווען ס'וועלן די מחנות פֿון גלויביקע קינדער
צעטרייסלען די וועלט מיט אַ ווילדן געלעכטער,
אַז ציטערן וועלן די רויבער און שינדער.
ווען פֿריי וועט ניט מיינען מען טאָר און מען טאָר ניט,
ווען מענטש וועט ניט מיינען אַ וואָרט וואָס מיינט גאָרניט.

1915

הענט

הענט.
אין הונגער קייט געפּענט,
אין קראַמפּן אַרייגעקלעמט,
ליגן ווי געלעמט.

הענט.
ס'הענגען מער ניט קיין פּלאַקאַטן
אויף די ווענט,
מיט די שרייענדיקע רופן:
„מיר פאַרלאַנגען הענט!״
קיינער זוכט קיין הענט וואָס זאָלן
יאָגן נאָך מאַשין גערויש,
שטיל איז די פאַבריק געוואָרן
מיט איר אימפּעטיק געברויז.

הענט.
אין הונגער קייט געפּענט,
אין קראַמפּן איינגעקלעמט,
ליגן ווי געלעמט.

הענט.
ס'הויבן זיך ניט זעג און האַמער
מיט די הענט,
ס'קלאַפּן מער ניט שער און אייזן
אין די הענט,
ס'רוישן מער ניט די מאַשינען
אונטער הענט,
איינגעשלאָפן איז דער כוח
פון די הענט.

הענט.
אין הונגער קייט געפּענט,
אין קראַמפּן איינגעקלעמט,
ליגן ווי געלעמט.

הענט.
וואַלד צעזעגט און פעלד צעאַקערט,
ווינט פאַרצאַמט און שטיין צעפלאַקערט,
ים צעשניטן, בערג צעריסן,
טייכן אָפּגעשטעלט פון פליסן,
גרונטן פון דער טיף געהויבן,
טאָלן צו די בערג דערהויבן,
פלאַם געבונדן, טויט פאַרהאַלטן,
ליגן הילפלאָזע באַהאַלטן.

הענט.
אין הונגער קייט געפּענט,
אין קראַמפּן איינגעקלעמט,
ליגן ווי געלעמט.

הענט —
הענט געברענט אין גלוט און פלאַמען
שטאָל און אייזן איינצוזאַמען,
פאַר די בריקן, עראָפּלאַנען,
פאַר די שיפן, פאַר די באַנען,
פאַר די טורעמס — פּיראַמידן,
זיינען איצטער אויסגעמידן,
אָפּגעלייגט, צונויפגעלייגט,
ווי צו גאָרנישט ניט געטויגט.

הענט.
אין הונגער קייט געפּענט,
אין קראַמפּן איינגעקלעמט,
ליגן ווי געלעמט.

הענט.
הענט וואָס האָבן אין די מינען
פון די גאָלד־גרובן געצערט,
פון באַגינען ביז באַגינען
אין דער טיפער, קאַלטער ערד,
שוואַרצע דימענטן געגראָבן
צו באַשיצן וועלט פון קעלט,
הענט, ווער דאַרף זיי איצטער האָבן?
געוואָרן איבעריק דער וועלט.

הענט.
אין הונגער קייט געפּענט,
אין קראַמפּן איינגעקלעמט,
ליגן ווי געלעמט.

הענט.
הענט וואָס האָבן אויסגעשפּונען,
אויסגעבויט און אויפגענייט,
הענט וואָס האָבן גאַנצע אוצרות
צוגעגרייט און אָנגעגרייט,
גראָבן זיך אין מיסט און קויט
זוכן שמאַטעס, שטיקלעך ברויט,
לייבער נאַקעטע צו הילן,
בייזן הונגער איינצושטילן.

העגט.
אין הונגער קייט געפּענט,
אין קראַמפּן איינגעקלעמט,
ליגן ווי געלעמט.

הענט.
הענט וואָס האָבן ווי פאַרכישופט
מיט דער פידל, מיט דער פליט,
מיט דער פּען און מיטן פּענדזול
הערצער אָנגערעגט מיט פרייד,
צינדן מער ניט די נשמות,
האַרץ און גייסט איז אָפּגעפרעמדט,
וואָרט און פאַרב און קלאַנג איצט וויינען
אויף די קינסטלערישע הענט.

הענט.
אין הונגער קייט געפּענט,
אין קראַמפּן איינגעקלעמט,
ליגן ווי געלעמט.

הענט —
אויף וועמען וועלט איז אָנגעלענט,
וואָס האָבן בלוט און מי פאַרשווענדט,
אַלץ געטאָן פון אייביק אָן
האָבן מער ניט וואָס צו טאָן.
פאַרזאָרגט די וועלט מיט אַל דאָס גוטס,
האָט איצט די וועלט פאַר זיי איין נוץ —
צו בעטלען פון אַ בעטלערס האַנט,
מיט האָס און בייסנדיקער שאַנד.

הענט.
אין הונגער קייט געפּענט,
אין קראַמפּן איינגעקלעמט,
ליגן ווי געלעמט.

1934

דער וועלט פּאַראַד

איינס און צוויי, איינס און צוויי,
מיד, פֿאַרשלאָפֿן גייען זיי,
ניט געאײַלט און ניט געיאָגט,
ניט געלאַכט און ניט געוויינט,
ס׳האָט דער טאָג זיי ניט געטאָגט,
נאַכט האָט גאָרנישט ניט געמיינט.
שניי און רעגן, ווינט און קעלט,
דער פּאַראַד האַלט אָן זײַן גאַנג
דורך די גאַסן פֿון דער וועלט,
אונטער קרעכצנדיקן קלאַנג.

איינס און צוויי, איינס און צוויי,
קומט דער אָוונט, קומען זיי,
מיט געציילטן טראָט און שפּאַן,
ווינקען צו אַ יעדן מאַן.
שטום, מיט צער און פּרעכן בליק,
רופֿן זיי איך קויפֿן גליק,
ס׳טרײַבט זיי אַלעמען די נויט
אין דער גאַס פֿאַרקויפֿן פֿרייד,
עסן דאַרף מען און אַ קלייד.

איינס און צוויי, איינס און צוויי,
קומט די נאַכט אָן, קומען זיי
אויפֿזוכן אַ בעט אין פּאַרק,
ס׳קישן איז דעם שכנס קאַרק,
ס׳צודעק — יענעמס פֿיס און הענט.

איינס אין צווייטן איינגעקלעמט,
קיינער פרעגט ניט, קיינער רעדט,
ס׳איז פֿאַר יעדן גלייך די בעט,
ס׳איז פֿאַר יעדן איין געשאַנק —
קאַלטער פֿאַרק און האַרטע באַנק.

איינס און צוויי, איינס און צוויי,
קומט דער מאָרגן קומען זיי,
גאַס אַריין און גאַס אַרויס,
צום פֿאַראַד פֿון קליין און גרויס.
פֿאַלט אַ מענטש אין גאַס פֿון שטיין,
קומט אַן אַנדערער צוגיין,
קיינער פֿעלט ניט קיינעם אויס,
שטאַרבט אַ מענטש? וואָס מאַכט דאָס אויס?
קיינער פֿילט ניט אַז עס פֿעלט
עמעצער אויף אונדזער וועלט.

איינס און צוויי, איינס און צוויי.
אַלטע גייען אין דער ריי,
שלעפּן זיך מיט ווייסע האָר
בעטלען אויף די אַלטע יאָר.
שווייגנדיק, צו וואָס די רייד?
ס׳רעדט דער עלנט שוין פֿאַר זיי,
אין די שמאַטעס אָנגעקליידט,
דאַרע הענט געשטרעקט מיט וויי.
מידע פֿיס וואָס האַלטן קוים
קראַנקן גוף וואָס האָט קיין היים.

איינס און צוויי, איינס און צוויי,
קינדער גייען אויך מיט זיי.
טראָגן סחורה אין די הענט,
צו פאַרדינען אַ פּאָר סענט.
הונגעריק אַ מאַמע וואַרט
אויף איר שפּייזער פון דער גאַס,
קליין און בלייך און איינגעדאַרט,
און ער טראָגט שוין אום אַ האַס
אין זיין יונגער האַרץ צו וועלט,
וואָס באַלוינט מיט היץ און קעלט.

איינס און צוויי, איינס און צוויי,
נענטער, נענטער קומען זיי,
צו אָט די וואָס לעבן זאַט,
לאַכנדיק פון וועלט פאַראַד.
זעען ניט און הערן ניט
דראָענדיקע הונגער־טריט,
בלוט געמישט מיט ווייסן שניי,
קרעכץ אין שוואַרצע נעכט געהילט,
און נקמה אויסגעשריי
וואָס וועט זיין אין בלוט געשטילט.

איינס און צוויי, איינס און צוויי,
צאַרנדיקע גייען זיי,
פויסט געביילט און ציין געקריצט,
אויגן — מוטיק אויפגעבליצט,
זייערס אָפּנעמען צוריק
פון דער וועלט וואָס לעבט אין גליק.
וועלט פאַראַד, צעשטורעמט ים,
וועלט פאַראַד, וואולקאַנען פלאַם,
אָן אַן אָפּהאַלט אויף זיין וועג,
צינדט די וועלט פון ברעג צו ברעג.

אין אַן אַרבעטסלאָזן טאָג

בלייבע זיינען מיינע שעהן אויפגעשטאַנען,
אויסגעמאַטערט פון דער שלאָפלאָזיקער נאַכט,
טיקט דער זייגער: ליג! עס איז נאָך צייט פאַראַנען
זען וואָס האָט פאַר דיר דער נייער טאָג געבראַכט.

וואַקסט דער גרויער מאָרגן, ציט אין קאַלטן דרויסן,
וואַש איך אָפּ דעם שלאָף און גיי אין גאַס אַרויס,
דאָרטן יאָגן מענטשן און די באַנען רוישן,
און עס פילט זיך ניט דער עלנט פון דער הויז.

בלייב איך שטיין צווישן מענטשן און מאַשינען:
כ׳ווייס ניט וואו צו גיין זוכן אויף דאָס ביי,
אומעטום געווען, וואָס קען איך היינט געפינען?
כ׳וועל צוריק מיט גאָרנישט קומען סיי ווי סיי.

בלייב איך אין קאַפע, ניטאָ זיך וואָס צו יאָגן,
און באַטראַכט די מענטשן, דער אַריין, אַרויס,
הויבט דאָס האַרץ אָן קלעמען, הערט ניט אויף צו נאָגן,
כ׳פיל דאָס לעצטע ביסל כוח לאָזט זיך אויס.

נעם איך צונויף, שטרענג זיך אָן און ווידער
בלאָנקע איך זיך אין דעם טומל פון דער שטאָט.
כ׳גיי פון גאַס צו גאַס אַ הונגעריקער, מידער,
אַז עס רעגט דער אָפּקלאַנג פון דעם אייגן טראָט.

אויף אַ ווינקל גאַס זע איך שטייט געבויגן
אויף אַ פידעלע אַן אַלטער מאַן און שפּילט,
קוק איך אויפן אַלטן, קיין לעבן אין די אויגן,
נאָר דאָס פּנים איז מיט ווייטיק אָנגעפילט.

ס׳גיסן זיך די טענער הייזעריק, צעוויטיקט,
לאַנג פאַרגעסענע ניגונים וויינען שטיל.
פיל איך ווי דאָס האַרץ וויינט אין מיר באַליידיקט,
אי פון אייגן צער, אי פון אַלטנס שפּיל.

גיי איך ווייטער און פאַרבלאָנדזשע אין אַ געגנט
וואו די רייכקייט האָט זיך חוצפּהדיק צעשפּרייט,
וואו דאָס זאַטע לעבן האָט נאָך ניט באַגעגנט
אונדזער אייביק וויסטע בייסנדיקע נויט.

ביילן זיך די הענט און ס׳רעגט דאָס האַרץ אַ צאָרן
קוקנדיק אויף אָט דער אויסגעפּוצטער וועלט,
מיך האָט אויך אַ מאַמע פּונקט ווי זיי געבוירן,
וואָס זשע גיט דאָס לעבן מיר נאָר הונגער, קעלט?

גיי איך ווייטער אין דער קעלט אַרום און ציטער;
שטעלט מיך אָפּ אַ פרוי: וואָס זאָגסטו ליבער, גייסט?...
וואָס זשע קען איך זאָגן? — ביטער, שוועסטער, ביטער,
מיך וויל אויך שוין קיינער ניט, פאַרשטייסט?

ס׳האָט דער מאָרגן מיך אין גאָס אַרויסגעטריבן,
און דער טאָג האָט מיך אַרומגעיאָגט אין קעלט,
בלויז אַ קאַלטע שוואַרצע נאַכט איז מיר געבליבן,
קאַלט און פינצטער ווי עס איז די גאַנצע וועלט.

דער קאַליקע

אין כישופדיקן רייץ, אין לוקסוס פון בראָדוויי,
אין העלן בלענדנדיקן ליכט פון ווייסן וועג,
זיצט אויף אַ טרעפּ אַ קריפּל אין רעגן און אין שניי
אין קאַלטע לאַנגע נעכט און רעגנדיקע טעג.

די רייכע דאַמען אָנגעטאָן אין גאָלד און זייד,
די רייכע הערן גייען אים פאַרביי דאָרט שטום,
ווייל ווער וויל אָנקוקן אַ בעטלער אָן דער זייט?
ווער קוקט זיך דאָרטן אויף אַ וויסטן קריפּל אום?

נאָר איינמאָל האָט אַ דאַמע ביי אים זיך אָפּגעשטעלט
און מיט אַ כעס צום באַגלייטער זיך געווענדט:
וואָס לאָזט מען אָט די בעטלער טאָן וואָס זיי געפעלט?
צי האָבן זיי דען אַנדערשוואו בעטלען ניט געקענט?

וואָס לאָזט מען אָט די קריפּלס פאַרמיאוסן בראָדוויי?
די גאַנצע גרויסע וועלט איז פאַר די שנאָרער קליין,
איז דען די באַוערי ניט גוט גענוג פאַר זיי?
וואָס קומען אָט די בעטלער אַהער צו אונדז צו גיין?

אַן עקל פילט מען דאָך ווען נאָר מען קוקט זיי אָן
די בעטלער און די קאַליקעס וואָס קריכן דאָ אַרום,
נאָר פוילער זיינען זיי וואָס ווילן גאָרנישט טאָן,
בלויז בעטלען קענען זיי, נאָר שנאָרען אומעטום!

דער קריפּל האָט אַ לאַך געטאָן און אָנגעקוקט
דער דאַמע מיט די שיינע ווייסע הענט,
די ליפּן האָבן אים ציטעריק געצוקט,
די אויגן האָבן מיט אַ פייער זיך צעברענט:

וואָס בייזערט איר זיך, ס'איז אייך ענג?
איך זיץ דאָך דאָ צונויפגעדרייט,
אַ שטיקל טרעפּ נאָר אין דער לענג,
און ווינציקער נאָך אין דער ברייט.

איז אייך מיין איינציק פוס אין וועג?
איז אייך אין וועג מיין איינציק האַנט?
אָט רוק איך נענטער זיך צום ברעג
און זעץ זיך האַרטער ביי דער וואַנט.

עס וועט דען שאַדן אייער קלייד
מיר גייענדיק פאַרביי פון ווייט?
עס קען דען שטערן אייער פרייד
אַ קריפּל וואָס זיצט אָן דער זייט?

נאָר הערט! איך בין געווען אַמאָל
ווי איר מיט ביידע פיס און הענט,
מוסקולן האַרט אַזוי ווי שטאָל,
די ערד האָט אונטער מיר געברענט.

צו קליין איז מיר געווען דער ים,
די פּריירי איז געווען צו שמאָל,
די ברייטע פרייע פעלד — אַ צאַם,
ווי פאַרן אָדלער באַרג און טאָל.

און ווען מיין לאַנד האָט מיך באַדאַרפט,
האָב איך זיך איר צום דינסט געשטעלט,
און האָב מיין ביקס און שווערד געשאַרפט
פאַר דעמאָקראַטיע אויף דער וועלט.

און אײַך באַשיצן פֿון דעם פֿײַנד
בין איך געגאַנגען בלינדערהייט,
פֿאַרזאָרגן אײַער שײנעם הײנט,
און אײַער מאָרגן פֿול מיט פֿרייד.

און ס׳האָט זיך דאָך פֿאַר אונדז געלוינט
צו שטאַרבן צי אַ קריפּל זײַן,
וואָס וואָלט דאָס לעבן דען געמיינט
פֿאַר אײַך, ווען ס׳פֿעלט אײַך גאָלד און ווײַן?

מיר פֿעלט אַ פֿוס און ס׳פֿעלט אַ האַנט?
טאָ וואָס זשע איז? ווער קוקט זיך אום?
ווען ס׳בעט דײַן לעבן דיר דײַן לאַנד,
טאָ גיב עס בלינד, טאָ גיב עס שטום!

נאָר אײַער קלאַס איז זײער גוט
און אײדל, פֿײַן געווען צו מיר,
און האָט באַצאָלט מיר פֿאַר מײַן בלוט
מיט אָט דער טרעפּ דאָ בײַ דער טיר.

אַוואו מען וואַרפֿט מיר צו אַ סענט,
און אָפֿטער נאָך אַ בייזן בליק,
אָט ווי אַ הונט אין קייט געפּענט
קריגט ווען אַ ביין, דערצו אַ בריק.

מיר מאַכן מיאוס אײַך בראַדוויי?
מיר שטערן אײַך אין אײַער שלאָף?
ני ט אייביק וועט דאָך זײַן אַזוי,
עס וועט צו דעם אויך זײַן אַ סוף!

די באַורי געפעלט אייך ניט,
דעם קריפּל און דעם בעטלערס היים?
פון דאָרט וועט איר נאָך גיין געשמידט
אין גאָלדן קייט צום תליה־בוים!

איר זעט מיין איינציק פוס און האַנט?
איך וועל אויך געבן די מיט פרייד
צו קענען אָפּווישן די שאַנד
פון בעטלען אייך אַ שטיקל ברויט.

מיין איינציק פוס, מיין איינציק האַנט,
זיי וועלן דינען מיך געטריי
צו טראָגן האַס און שפּרייטן בראַנד
די וועלט זאָל ווערן פון אייך פריי!

אַן עקספּלואַטאַטאָר

טונקל האָט דער הימל אַראָפּגעקוקט פאַרטראַכט,
אויף אַ פּאַרק אין אַ הייסער זומער־נאַכט,
וואו די מענטשן פון דער היץ דערשטיקט,
זייַנען איינס אין איינס געזעסן איינגעדריקט;
אויף די בענק און שטיינער, אויף דער האַרטער ערד,
וואו ס׳איז איינעם נאָר אַ פּלאַץ געווען באַשערט.
ווייל וואוהין צו גיין איז סיי־ווי־סיי ניטאָ,
איינער האָט ניט קיינעם, קומט ער זיצן דאָ.
איינער איז אַנטלאָפן פון זיין עלנט היים,
און אַ צווייטער איז אַהער געקומען קוים,
שעהן אומגעשלעפּט זיך אויף די קראַנקע פיס,
און אומזיסט געזוכט פאַרדינען וואָס ניט איז.
אַלע די וואָס האָבן פאַרגעסן ווי מען לאַכט,
אַלע די וואָס האָבן שוין נישט מער קיין טרער,
קומען ווי די שאָטנס אַהערצו אין דער נאַכט,
וואו עס פרעגט ניט קיינער קיינעם ווער איז ווער?
עלנטע, צעבראָכענע, קומען זיי צוגיין,
זיצן צווישן פרעמדע, נאָר ניט זיין אַליין.

אָבער איינער האָט אַ באַנק פאַר זיך אַליין
צוגענומען און זיך אויסגעצויגן אין זיין לענג,
מיט אַ כעס וואָס די באַנק איז אַזוי קליין,
אַז מיט זיך אַליין איז ליגן אים צו ענג.
וואָס מען קען ניט ליגן דאָ געראַם, באַקוועם,
הענט און פיס צעוואָרפן דאָ און דאָרט,
איינגעדריקט די פּלייצע שטייף ווי אין אַ קלעם,
און דער קאָפּ געפינט זיך ניט קיין אָרט.
האָט ער גאָר דעם קאָפּ באַהאַלטן אין אַ האַנט,
מאַלע וואָס קען טרעפן, ס׳איז אים שוין באַקאַנט
אַ פּאָליסמאַן זאָל באַווייזן מיט זיין קלאָב,

בייזע גבורות און קונצן אויף זיין קאָפּ...
און צעשטערן אים אַ חלום אַזוי שיין,
אַז ער ליגט אויף קישנס אַזוי ווייך און ריין,
אַ צופרידענער, זאַט און אויסגערוט,
און די מענטשן זיינען אַזוי ליב צו אים און גוט.
און די צווייטע האַנט ליגט ווי צוגעקלעפּט
צו דער ווענטל פון דער שמאָלער באַנק.
שוין געטראָפן אַז מען האָט אַרויסגעשלעפּט
אונטער אים די באַנק אפילו אָן אַ דאַנק...
איין פוס הענגט אַראָפּ פאַרחלשט צו דער ערד
איינגעגראָבן מיט די פינגער אין דעם זאַמד —
אַ פאַרשעמטע וואָס זי האָט שוין ניט קיין ווערט,
וואָס זי קען ניט גיין אפילו זאַלבענאַנד.
וואָס זי דינט שוין מער ניט ווי זי האָט געדינט,
ווען זי איז מיט אים געגאַנגען אומעטום,
אין דער היץ און קעלט, רעגן, שניי און ווינט,
ביז אַ גלייכע פוס איז געוואָרן קרום...
און ווי האַלט ער איר? און וואָס גיט ער איר?
חוץ אין פעלד אַ שטיין און אין פּאַרק אַ באַנק,
צי אַ שטיקל טרעפּ וואו ביי אַ הינטער טיר,
און צום סוף — אַ קוליע אַלס אַ דאַנק.
און די צווייטע פוס ליגט אַרויסגעשטעלט
מיט דער הוילער קני, ווי אַ פויסט
וואָלט געדראָעט און געביילט זיך קעגן וועלט
פון פּראָטעסט און צאָרן אויפגעברויזט:
געדענק!
ווען מיר וועלן אויפשטיין פון די בענק,
פון דער האַרטער ערד און שטיין,
און בעמען גיין און גיין און גיין,
מאָנען רעכענונג פאַר אונדזער נויט,
פון אָט די וואָס וויסן נאָר פון פרייד,
וועמען ס׳איז דאָס לעבן אַזוי זיס —
וועלן דאַן די קראַנקע פיס.

טראָגן בראַנד
פון לאַנד צו לאַנד
איבער טאָלן בערג און ים,
אַז די נאַכט וואָס ברייט
און גלייט
וועט נאָר זיין אַ צפון־קעלט
קעגן יענעם פלאַם.
געדענק, דו וועלט!
נאָר ביז וואַנען וואָס און ווען
ס׳וועט דער גרויסער נס געשען —
ליגט ער דאָ צונויפגעדרייט,
און ער גיט זיך ניט קיין קרים.
און אים אַרט ניט וואָס האַלב טויט
מענטשן שטייען לעבן אים:
— קוקט נאָר אָן, — זאָגט איינער,
וועלכער קען שוין אויף די פיס ניט שטיין,
ווי אַ מענטש האָט זיך צעלייגט, ווי קיינער
וואָלט ניט מיד געווען נאָר ער אַליין!
אַזאַ עקספּלואַטאַטאָר! אַזאַ מין פּאַראַזיט!
ליגט זיך ווי אַ גראַף און גיט זיך ניט קיין ריר,
האָט פאַרכאַפּט אַ באַנק און עס אַרט אים ניט
וואָס דאָ קענען זיצן נאָך אַ דריי צי פיר.
אַז ס׳איז אַ וועלט פון כאַפּן, כאַפּט יעדער פאַר זיך,
צי ער האָט מיליאָנען, צי ער גייט אָן שיך!
אָט אַ וועלטעלע האָט גאָט דאָס אויסגעטראַכט.
אַז איינגעזונקען מעג זי ווערן איבערנאַכט!

צווישן נײַ מאַשינען

ווען ס'האָט פאַרנאַכט דער שאַפּ געררויש זיך איינגעשטילט,
און אַלץ איז דאָרט געוואָרן אין שאָטנס איינגעהילט,
די קליידער און מאַשינען, די ווענט און דער סופיט,
ווי רוחות וואָלטן אַ בית עולם דאָרט געהיט,
און די אומהיימלעכקייט, די שטילקייט האָט געמאַכט
נאָך שווערער און געדיכטער די פינצטערניש פון נאַכט,
האָט איין מאַשין אַ נייע, ערשט היינט געבראַכט אַהין,
געוווענדט זיך צו איר שכנה, אַן אַלטע ניי מאַשין
און איר געבעטן זי זאָל וואָס דערציילן, ווייל עס נעמט
איר שרעקן אָט די שטילקייט און שאָטנס אויף די ווענט.

די נייע איז אַ יונגינקע, זי שפּיגלט זיך און גלאַנצט,
איר קול איז אַזאַ זינגענדיקער ווי זי וואָלט געטאַנצט,
איר ריטם אַזאַ לאַשטשענדער, עס קלינגט איר יעדער דריי,
דאָס קעפּל שיינט און ציינדעלעך קלאָר ווי פרישער שניי.

די שכנה איז אַן אַלטע שוין, צעבראָכן און צעקאָרבט,
אַן אויסגעמאַטערטע אַז ס'דוכט זיך אָט זי שטאַרבט.
איר קול איז הייזעריק און הודזשעט מיט אַ כריפּ,
ווי ס'וואָלט דער לעצטער אָטעם געלעגן אויף איר ליפּ.
די ציינער אויסגעבראָכן, דאָס קעפּל ווייסלעך גרוי,
און אַן אַן איינשפּריצונג גייט זי ניט פון אָרט,
אַז זי אַליין קען ניט פאַרשטיין גאָר ווי אַזוי
מען האָט זי אַזוי לאַנג אומזיסט געהאַלטן דאָרט.
נאָר פלוצלונג האָט ווי אויפגעבליצט איר גרויער קאָפּ,
ווי ס'וואָלט אַ לעצטער זונען שטראַל שענקען איר אַ שיין,
זי האָט דערזען אַז זי איז נאָך פון סצענע ניט אַראָפּ,
זי קען נאָך אַלץ מיט וואָס ניט איז וועמען נוצלעך זיין.
דערציילן כאָטש אַ מעשה אין אַן אומעטיקער שעה,
ווען ס'איז אין שאַפּ דער רויש און דער געברויז ניטאָ,
דערציילן איר פון דאָס וואָס איז אַמאָל, אַמאָל געווען,
וואָס זי אַליין האָט דורכגעלעבט, געהערט דאָ און געזען.

— — — — — — — — — — — —

יאָ, שוועסטערל, איך האָב וואָס צו דערציילן דיר אַ סך
וואָס דאָ איז זיך פאַרלאָפן זינט איך בין אָט דאָ.
מען קען דאָס ניט פאַרגעסן, כאָטש היינט איז יעדע זאַך
וואָס איך האָב דאַן געהערט, געזען, לאַנג שוין לאַנג ניטאָ.
אויך איך בין יונג געווען ווי דו, און שיין און שטאַרק,
ווען ס'האָט מיך אַן אַפּרייטער געטראָגן אויף זיין קאַרק.
נאָר איצט איז שוין ניט דאָס וואָס איז געווען אַמאָל,
ס'איז אַלץ געוואָרן אַנדערש, דער רויש און דער געשריי,
אַפילו די מאַשינען האָבן איצט אַן אַנדער קול,
דער גאַנצער שאַפּ איז אַנדערש, אַפילו דאָס געניי.
מען הערט ניט יענע לידער, מען הערט ניט יענע רייד,
די מענטשן זיינען אַנדערש, דער טרויער און די פרייד.
די טעג אַפילו זיינען ניט מער שוין וואָס געווען,
אַנטלויפן איידער האָסט זיך גוט אַרומגעזען.
אין יענער צייט אַ טאָג, איז דאָס געווען אַ טאָג,
פון פינצטערן באַגינען ביז אין דער שפּעטער נאַכט,
געוואוסט האָט דער אַפּרייטער נאָר פון יאָגן זיך און יאָג,
ווער האָט געציילט די שעהן? ווער האָט פון רו געטראַכט?
און מיך האָט מיין אַפּרייטער פון האַנט ניט אָפּגעלאָזט,
וואוהין ער איז געגאַנגען, האָט ער מיך מיטגעשלעפּט,
אין ווינט, אין שניי און רעגן, אין דעם גרעסטן פראָסט,
ווי איך וואָלט זיין צו אים אַ צווילינג צוגעקלעפּט.
און איצטער? איידער ס'ווערט פאַרקלונגען מיין גערויש,
איז מיין אַפּרייטער שוין אויף יענער זייט מאַשין,
אים אַרט ניט צי מען האַלט מיך צי זיי וואַרפן מיך אַרויס
ער לויפט אַוועק און ניט זיין דאגה וואו איך בין.
עך, מאָדנע צייטן שוועסטער, זיינען אָנגעקומען איצט,
דו ווייסט ניט ווער עס קומט אַהער און ווער דאָ זיצט.

אַמאָל איז דאָ געזעסן אַ מיידל און געניִיט,
אַן איידעלע אַ בלייכע און אויגן גרויס און שוואַרץ,
פלעגט זינגען ווי ס'וואָלט שפּילן שטילערהייט אַ פליט,
פון זיסקייט איז צעגאַנגען באַלד מיין שטאָלן האַרץ.
נאָר זינגען פלעגט זי ווי מיט טרערן אין איר קול,
ווי ס'וואָלט געבענקט איר האַרץ נאָך וועמען פון אַמאָל.

ביז איינמאָל אַ פרימאָרגן, צי אפשר באַלד פאַרנאַכט,
איך קען זיך ניט דערמאָנען ווען דאָס איז געווען,
איך יאָג זיך, ס'דאַרף די אַרבעט ווערן גיך געמאַכט,
די אוברים זיינען מיר צעשרויפט פון אימפּעטיקן ברען.
נאָר מיטאַמאָל האָט ווער זיך לעבן מיר צעוויינט,
אַט ווי אַ ווינט אין האַרבסט וואָלט באַוויינט אַ וואַלד,
עס האָט אין מיר געגומען רוישן, כ'האָב געמיינט
אַז איך אַליין וועל דאָ צעשפּרונגען ווערן באַלד.
דאָס האַרץ אין מיר איז אָפּגעשטאָרבן און איך פיל
אַז ס'איז דאָס מיידל מיטאַמאָל געוואָרן שטיל.
האָב איך זיך אָפּגעשטעלט פון אימפּעטיק געלויף
און וואַרט. און באַלד פאַלט זי אויף מיר אַרויף
ווי ס'וואָלט אַ קינד געפאַלן אין איר מאַמעס שויס.
זי איז אַוועק. וואו איז זי איצט? ווער ווייסט?

דערנאָך איז דאָ געזעסן אַ מאַן שוין גרוי און אַלט,
אַמאָל געווען אַ סוחר פון תבואה און פון וואַלד.
אַ ייד אַ תלמיד חכם, נאָר קיינמאָל ניט גערעדט,
געגייט נאָר פון באַגינען ביז אין טיפן שפּעט.
נאָר הוסטן פלעגט ער ווי ס'וואָלט פון אַ פוסטער פאַס
אַרויסגעשריען עמעצער הייזעריק מיט אַ כעס.
ביז איין פרימאָרגן און — ער איז שוין מער ניטאָ.
איך וואַרט אויף אים און וואַרט, אַוועק אַ שעה נאָך שעה,
נאָר ער איז ניט געקומען, ס'איז דער טאָג אַוועק,
דער פאַרמאַן האָט געשאָלטן, אַז ס'איז געווען אַ שרעק.
איז מיר געווען אומעטיק אַ פאָר טעג נאָכאַנאַנד
ביז ס'האָט זיך לעבן מיר געזעצט אַ נייע האַנט.

דער נייער איז געווען אַ בלייכער אינטעליגענט,
ביי טאָג אַן אַפּרייטער און אין אָוונט אַ סטודענט.
אַ גאַנצן טאָג האָט ער גערעדט וואָס שטילערהייט
געמורמלט נאָכאַנאַנד עפּעס מאָדנע פרעמדע רייד.
ער איז אַ לאַנגע צייט אַזוי געזעסן לעבן מיר,

איך האָב געקענט שוין גוט זיין יעדן דריי און ריר.
און גוט איז ער געווען, מיר קיינמאָל ניט געיאָגט,
איז קיינמאָל ניט געקומען אײדער ס׳האָט געטאָגט.
ביז איין פרימאָרגן און ניטאָ דער אינטעליגענט.
מסתמא עפּעס אויסשטודירט און אויס מיט דער מאַשין.
נאָר ס׳איז פאַר מיר קיין נייס געווען צו בייטן הענט,
זיי קומען און זיי גייען און איך בלייב וואו איך בין.

דערנאָך איז דאָ געזעסן אַ דאַרער לאַנגער ייד,
מיט הענט ווי פליגלען וועלכע ווערן קיינמאָל מיד.
צוויי לאַנגע פיס וואָס האָבן אים אַלעמאָל געשטערט,
ווי אומעטום וואָלט זיין פאַר אים צו הויך די ערד.
אַ דינע לאַנגע האַלדז, אויף איר אַ ליסע קאָפּ,
אַ גאָרגל אין דעם האַלדז וואָס לויפט אַרויף, אַראָפּ.
נו, האָט ער אַלץ געגאָרגלט, הויך און גראָב און דין
ווי ער וואָלט וועלן אַריבערשרייען די מאַשין.
ער האָט געוואָלט דאָס ווערן אַן עקטער מיט דער צייט,
און וואָלט מסתם געוואָרן באַרימט אי ברייט אי ווייט,
ווען ס׳טרעפט אים ניט דער אומגליק צו די בייזע יאָר,
ער איז געוואָרן מיטאַמאָל הייזעריק ווי די וואַנט,
פאַרלוירן האָט די וועלט אַ קינסטלער אַן אַקטיאָר,
און לעבן מיר האָט זיך געזעצט אַ נייע האַנט.

היינט יענע לידער וואָס איך האָב זיך אָנגעהערט.
אַזעלכע לידער הערט מען שוין ניט היינט,
ביים זינגען יענע לידער האָט געדוכט זיך אַז עס ווערט
דער גאַנצער שאַפּ מיט אַ מין הייליקייט פאַרשיינט.
נאָך איצטער הער איך יענע לידער פון אַמאָל
ווי די אַפּרייטערס נעמען זינגען אויף אַ קול:
ברידער און שוועסטער פון אַרבעט און נויט,
איר אַלע וואָס זיינען צעזייט און צעשפּרייט"
האָט איינער אָנגעהויבן מיט אַ שטילער שטים
„אָ, ברידער מיר האָבן געשלאָסן
אויף לעבן און טויט אַ פאַרבאַנד".

כאַפּט אונטער באַלד אַ צווייטער און זינגט מיט אים:
„מיר שטייען אין שלאַכט ווי געגאָסן
די פּאַנע די רויטע אין האַנט!”
אַמאָל האָט אַן אַפּרייטער אַ נייע ליד געבראַכט,
האָט יעדער איינער שוין געזונגען טאָג און נאַכט:
„איך האָב אַ קליינעם יינגעלע, אַ זונעלע גאָר פיין”,
אַ מיידל פלעגט אַמאָל זיך נעמען זינגען שטיל,
נאָר מיט אַזוי פיל האַרץ און בענקענדיק געפיל:
„אַ חלום, אַ חלום, אוי האָט זיך מיר געחלומט,
אַ חלום ליובע האָט זיך מיר געדאַכט”.
אַן אַנדערש מאָל האָט ווער זיך אַן אַ ליד דערמאָנט,
וואָס ער האָט נאָך אַמאָל דאָרט אין דער היים געקאָנט,
און באַלד צעקלינגט זיך אין דעם גאַנצן שאַפּ דאָס ליד
פון דעם פאַרשקלאַפטן אַרבעטסמאַן, פון קריסט און ייד:
אַמאָל האָט ווער גענומען זינגען מיט געוויין
דאָס ליד פון קראַנקן דיכטער ביי זיין אונטערגיין,
אַ, מוזע, רוף מיך ניט מיט דיינע צויבער־פינגער,
וועק ניט די סטרונעס פון מיין קראַנקער האַרץ”.
האָט באַלד אַ צווייטער אים געענטפערט מיט אַ ליד
וואָס האָט די הערצער אָנגעצונדן און געבריט:
„איך הער דיין שטימע, די שטימע דער וואַרהייט,
דעם קול פון דעםווירקלעכן אַרבעטער פריינד!”
אַמאָל האָט ווער גענומען זינגען ווי באַטריבט
דאָס ליד וואָס איז געווען דאַן אַזוי באַליבט:
פאַר אייך מיינע ליבע, פאַראָרעמטע ברידער,
וואָס שאַפן און האָבן קיין ברויט!”
אַזוי אַ ליד נאָך אַ ליד פון שטורעם, קאַמף און דראַנג,
וואָס האָט באַגייסטערט מיט דאָס וואָרט און מיטן קלאַנג,
די לופט אין שאַפּ וואָס האָט געוואָרגן און געשטיקט,
איז ריין געוואָרן פון די לידער ביים געניי,
ס'איז טאַקע שווער געווען די נויט וואָס האָט געדריקט,

נאָר אין די לידער איז געווען אַ טרייסט פאַר זיי.
און קומט די אַפּרו־צייט, דערציילט מען זיך די רייד
פון דעם און יענעם רעדנער וואָס ער האָט געזאָגט,
פלאַם־פייערדיקע רייד פון צרות און פון נויט,
וואָס זאָגן אַז דער אַפּרייטער טאָר ניט זיין געפּלאָגט.
איז דאָס אַ רעדנער, אַט דער דזשייקאָב פּענקין דאָרט,
זאָגט איינער צו אַ צווייטן — ווי גאָלד איז יעדער וואָרט,
עס שיטן זיך די ווערטער ווי פּערל פון זיין מויל,
ווען ער נעמט מאָלן אונדזער לעבן פול מיט גרויל.
און ווי געפעלט דיר יענער? ווי הייסט ער דאָרט, מאַקס פּיין,
האָט איינגעשפּאַרט זיך נאָר אַ יוניאָן זאָל אים זיין!
מיר זאָלן מער ניט וויסן פון צרות און פון פּלאָג,
און אַרבעטן ווי מענטשן, בלויז צען שעה אַ טאָג!
וואָס זאָגסטו צו אַב. קאַהאַנען? דו האָסט דען אַ באַגריף
וואָס דאָס איז פאַר אַ רעדנער? אי פּשוט און אי טיף!
און באַראָנדעס, ווען ער ווערט זייער שטאַרק צעהיצט,
נעמט דוכטן אַז עס שטורעמט, ס'דונערט און עס בליצט,
ווען ער הייבט אָן צו שרייען, נעמען ציטערן די ווענט
אַז מיר אַפּרייטערס האָבן מענטשן זיין געקענט!
און מאָריס הילקוויט, מייער לאָנדאָן? ווער זיינען זיי?
אַפּרייטערס אַט ווי דו און איך ביי דער גענײ.
נאָר הויבן זיי אָן ריידן, פאַרגעסטו וואו דו ביסט,
דערזעסט אַ וועלט וואו קיינער אַרבעט ניט אומזיסט.
און דער יאַנאָווסקי, אַז איך הויב ניט אָן פאַרשטיין
וואו נעמט זיך אַזאַ גבורה צו אַ מענטשן הויט און ביין,
אַז ער הויבט אָן צו ריידן, איז ווי אַ שטורעמווינט
וואָלט דיך פאַרטראָגן צו אַ וועלט וואָס אייביק גרינט.

אַזוי דערציילט מען זיך ביים עסן נאָכאַנאַנד
וואָס איינער האָט גערעדט און אַ צווייטער האָט געזאָגט,
ווי ווינבערג דער אַנאַרכיסט איז אַ ריזיקע שטיק בראַנד
און אַ צווייטער האָט געהאַלטן אַלעמען געשפּאַנט.
און היינט? איך הער פון וואָס זיי ריידן דאָרט,
נאָר עפּעס קען איך ניט פאַרשטיין קיין איינציק וואָרט.

„צוויי דזשעקס, דריי קינגס, אַ פולע הויז, אַ סטרעיט״,
און גיי פאַרשטיי אַזעלכע מאָדנע ווילדע רייד.
און רעדט מען ניט פון דעם, איז פּאָליטיקע פּאַראָן,
אַ יעדער וויל באַווייזן אַז ער איז נאָר גערעכט,
מען שלעפּט צורעכטס און לינקס דעם זעלביקן געשפּאָן
וואָס וועט פאַרפירן וואו ס׳איז ערגער נאָך ווי שלעכט.
צי אפשר בין איך אַלט און פאַרשטיי ניט דעם באַדייט
פון אַט די נייע רייד, עס איז אַ נייע צייט!
און אויך די מיידלעך זיינען היינט פון זעלבן מין,
זיי ריידן אויך אַזעלכע מאָדנע רייד אָן זין:
„ער האָט געזאָגט, איך האָב געזאָגט״, מער קיין אַנדער וואָרט
נאָר וואָס זיי האָבן זיך געזאָגט, זאָגן זיי ניט אויס,
ווי ס׳וואָלט אַ מוראדיקער סוד געלעגן דאָרט
וואָס טאָר חלילה צו דער גרויסער ברייטער וועלט אַרויס.
זיי זינגען היינט אויך לידער, אוי לידער זינגען זיי,
איך זאָג דיר ס׳קלינגט שוין שענער מיין הייזעריק געדריי
ווען זיי צעזינגען זיך „אוי יאָסל, יאָסל, יאָסל,
צי די שוואַרצע נאָטאָשע אָדער אַ פּאַפּיראָסל.״
ניטאָ קיין קאַמף און בענקשאַפט, ניט קיין פרייד און לייד
אין אַט די פוסטע לידער און די פוסטע רייד.
יאָ, נייע צייטן שוועסטערל, ניט דאָס וואָס איז געווען,
און יענע גוטע צייטן וועל איך מער ניט זען.

אַנטשוויגן איז געוואָרן די אַלטע ניי־מאַשין,
ווי עפּעס וואָלט אַוועקגעטראָגן איר אַהין
צו יענער צייט ווען זי איז נאָך געווען אי יונג און שטאַרק,
ווען ס׳האָט איר אַן אַפּרייטער געטראָגן אויף זיין קאַרק.

דער טונקעלער באַגינען האָט די פאַרשטויבטע שויב
מיט נאַסע פינגער אַנגערירט און דורך דעם שטויב
האָט ווי האַלב בלינד אַריינגעקוקט דער מזרח זייט,
די שאָטנס זיינען פון די טונקל גרויע ווענט
ווי אָפּגעווישט געוואָרן פון אומזיכטבאַרע הענט,
די גאַס האָט אָנגעזאָגט דער טאָג איז שוין ניט וויַט!

שטעפּ איך מיר אַ קליידל

שטעפּ איך מיר אַ גרינע קליידל,
שטעפּ. שטעפּ. שטעפּ.
מאָלט זיך אויס פֿאַר מיר אַ מיידל:
ווי דער בליט ביי פרישע קוואַלן,
מאָרגן־זון מיט וואַרמע שטראַלן,
פֿאַלן פון אַ הימל ריינעם
אויף אַ יונגן טאָג אַ שיינעם,
און צעלאָזטע צעפּ.

שטעפּ איך מיר אַ רויטע קליידל.
שטעפּ. שטעפּ. שטעפּ.
מאָלט זיך אויס פֿאַר מיר אַ מיידל:
ווי אַן אויפגערייצטער פֿאַנטער,
ווי אַ פלאַקער אויפגעפלאַמטער,
צינדט און ברענט אויף זיינע וועגן
אַלץ וואָס קומט אים אַן אַנטקעגן,
זון צעגליטער סטעפּ.

שטעפּ איך מיר אַ ווייסע קליידל,
שטעפּ. שטעפּ. שטעפּ.
מאָלט זיך אויס פֿאַר מיר אַ מיידל:
אַזאַ איידעלע און צאַרטע,
אַ פֿאַרבענקטע, אַ פֿאַרטראַכטע,
מיט צוויי גרויסע שוואַרצע אויגן,
שלאַנק — אַ סטרונע אויף אַ בויגן,
און צוויי לאַנגע צעפּ.

שטעפּ איך מיר אַ בלויע קליידל.
שטעפּ. שטעפּ. שטעפּ.
מאָלט זיך אויס פאַר מיר אַ מיידל:
מיט אַן אומעט אין די אויגן,
וואָס אַ חלום איז פאַרפלויגן,
וואָס אַ האָפענונג איז צערונען·
גליק געזוכט און נאָר געפונען
יאָרן, שלעפּ און שלעפּ.

שטעפּ איך מיר אַ שוואַרצע קליידל,
שטעפּ. שטעפּ. שטעפּ.
מאָלט זיך אויס פאַר מיר אַ מיידל:
ווי אַ בוים אַן איינגעדאַרטער,
נאָך דער זון און ווינט געגאַרטער,
מוט פאַרלוירן, קאָפּ געבויגן,
מיט צוויי אויסגעלאָשענע אויגן,
און צוויי גרויע צעפּ.

פּירות אויף די בוימער

ענגליש — לואיס אַלען; יידיש — ד. קריוויצקי

אויף די דרום־ביימער וואַקסן פּירות אויס,
הענגען אויף טאָפּאָלן משונה־דיקע גרויס.
בלוט איז אין די וואָרצלען, בלוט פון בלעטלעך רינט,
שוואַרצע גופים וויגן זיך אין דרום־ווינט.

תליות אויף די פעלדער, בילדער שרעק און גרויל,
וויגט זיך אום אַ גוף מיט אַ צעקרימטן מויל,
שלאָגט פון אים מאַגנאָליע־ריח אַזוי זיס,
וויגט זיך אום אַ גוף, הענגט נאָך וואָרעם פריש.

הענגען שוואַרצע פּירות, קומט די קראָ און פּיקט,
אויסגעווייקט פון רעגן, קומט דער ווינט און פליקט,
פון דער זון צעטריקנט, פאַלן זיי אין קויט,
הענגען שוואַרצע פּירות, ביטער ווי דער טויט.

מיר טאַנצן

ס׳האָט יעדער מענטש אַן אַנדער טאַנץ,
און טאַנצט אים אָפּ זיין לעבן לאַנג,
ווער טרויעריק און ווער מיט גלאַנץ,
ווער מיט געוויין, ווער מיט געזאַנג.
דער בויגט זיך און דער ברעכט אין צוויי,
אין קאַראַהאָד, אין דעם געדריי.
דער לויפט פאָרויס, דער לויפט צוריק,
געיאָגט פון רויש פון דער מוזיק.
עס דרייט דער טאַנץ און יאָגט געשווינדט,
ווי בלעטלעך אין אַ שטורעם־ווינט.
פון הינטן טרייבט דיר דער געיעג,
פון פאָרנט איז פאַרשטעלט דער וועג.
דער האָט די הענט זיך ברייט צעפירט,
דער אָטעמט קוים, דאָך גאַלאָפּירט.
ס׳האָט איינער ליב דעם שטילן וואַלץ,
אין ווייכן קלאַנג דערהערט ער אַלץ,
פון וואַסערפאַל דעם ווילדן רויש,
דעם אוראַגאַן אין זיין געברויז.
און איינער טאַנצט מיט הענט און פיס,
גיט דעם אַ שטויס און דעם אַ ריס,
ער זעט ניט ווי און וואו ער גייט,
דער קאָפּ איז אַלעמאָל פאַרדרייט.
און איינער גייט און ציילט די טריט,
און טאַנצט נאָר זיכער אין דער מיט.
און איינער דרייט זיך אין געדריי
און פילט — ניט לאַנג וועט זיין אַזוי,

ער ווייסט, דאָס איז דער לעצטער טאַנץ,
ס'איז גאָרנישט אים געבליבן גאַנץ,
דאָס האַרץ צעפּלאַצט, נשמה קראַנק,
געגעבן אַלץ, דאָס איז דער דאַנק,
געפלויגן ווילד אין דעם גאַלאָפּ,
און אָט ער טאַנצט דעם טאַנץ שוין אָפּ.
דער פּלאָנטערט זיך אַהער, אַהין,
ער טאַנצט און זעט אין טאַנץ קיין זין.
דער זוכט פאַר זיך אַ נייעם וועג,
אים ווילט זיך נאָר אויף יענעם ברעג.
דער האַלט זיך אָן אָן איינעמס קאַרק
און טאַנצט, מיט יענעם איז ער שטאַרק.
דער טאַנצט אין קאַראַהאָד אַליין,
אַליין — איז די נשמה ריין,
דער טאַנצט אַליין, ניטאָ קיין פּאָר,
געהאָפט, געוואַרט אַ יאָר נאָך יאָר,
געזוכט אַ ציל אין שיינעם שפּיל,
און איצט אַליין אין דעם קאַדריל.
דער טאַנצט אַ טאַנגאָ, קאָפּ פאַרדרייט,
די הענט און פיס אין לופט צעשפּרייט,
ער פאַלט אַראָפּ און גלייכט זיך אויס,
אַ טראָט צוריק און גייט פאָראויס.
עס בויגן טיפער זיך די קני,
דאָך נאָך אַ שפּרונג און נאָך אַ פלי.

דעם ווילט זיך נאָר אַ פּאָדעספּאַן,
ער מיינט אַז דאָרט איז וואָס פּאַראַן,
דער האָט אַ שער צונויפגעפּאַרט,
ער טאַנצט און שטייט דאָך אויף אַן אָרט.
דער טאַנצט און קוקט מיט אויגן שטאַר,
זיין יעדער טראָט אַ טיפער צער,
עס איז אים ענג, אין האַרץ? אין שוך?
ער טאַנצט און שיקט צו וועלט אַ פלוך.
דער גייט און זוכט, ער איז צו שפּעט,
ער גייט אַרום און בעט און בעט,
און דער בייט הענט, אים פעלט ניט אויס,
ער האָט אַ סך, כאָטש וואַרף אַרויס.
דער טאַנצט וואוהין עס בלאָזט דער ווינט,
דער טאַנצט וואוהין מען פירט אים בלינד.
עס קלאַפּט די פּויק, די פידל וויינט,
צו וואָס, זאָג, האָט זיך דאָס געלוינט?
נאָר ס׳יאָגט די פּאָלקאָ און ער פליט,
ער וויל אַרויס און טאַנצט דאָך מיט.
מיר אַלע טאַנצן ווי מען קען,
ביז פּלוצים קומט וואָס אומגעזען,
און עפּעס דריקט דיר וואָס צונויף,
דו פאַלסט אַוועק, דער טאַנץ הערט אויף.

מיר וועלן ניט פאַרגעסן

ווי אַ לעבעדיקע שטייט מיר פאַר די אויגן
מיין פאַרטרויערט ליטוויש שטעטל פון אַמאָל,
מיט די וועלדער ווי אַ קייט אַרום פאַרצויגן,
מיט די סטאַדעס אין די גראָז פון באַרג און טאָל.

מיט די אויסגעדרייטע בלאָטיק שמאָלע געסלעך,
ווי זיי ציען זיך צעגראָבענע צום מאַרק,
וואו די קרעמערקעס ביי קעסטלעך און ביי פעסלעך
מיט די ציבעלע און הערינג האָווען שטאַרק.

מיט דעם שול־הויף און דעם אַלטן בית־המדרש
וואו די „וויסע חברה״ לייגן איין די וועלט,
צילנדיק מיט שטיינער אין קוימען פון דעם הקדש,
און אָט דער וואָס טרעפט — ווערט אַ גרויסער העלד.

מיט דער קלייזל וואו מען הערט די לעצטע נייסן,
אָט דעם גזר צו מאַכן אַ פּאַרקאַן אַרום באַד,
חקירהנען זיך יידן: איז דאָס אויף צופלייסן?
צי ס׳איז טאַקע פון דעם קיסר אַ געבאָט?

כ׳זע ווי ס׳ציען זיך דאָרט ווייט די פּאַליסאַדעס,
מיט די קאָרן־פעלדער אָן דער זייט צעבליט,
וואו די בחורים און מיידלעך יעדן שבת
קומען דאָרט שפּאַצירן מיט אויגן הייס צעגליט.

כ׳זע די מאָרגנס ווען מען לויפט פון אַלע זייטן,
פון ווילייקע קומט אַהער דער פּאָטשטאַליאָן,
מיט די לאַנג דערוואַרטע בריוו פון לאַנד דעם ווייטן,
וואו אַן אָרעמאַן אַפילו האָט כאָטש אַ מיליאָן...

און אַט האָבן מיר אַ בריוו פון דאָרט דערהאַלטן,
יעדע שורה האָט ווי הייסער בליי געבריט,
ווערטער ניט דערזאָגטע, ווערטער איינגעהאַלטן,
האָבן שטיל געבעטן: פיל איר קענט נאָר — גיט!

ווילדע חיות האָבן צעבראָכן אַלץ, צעטראָטן,
קיינער וואָלט דאָס שטעטל איצטער ניט דערקענט,
אַלץ וואָס איז געבליבן פון יעדן — איז זיין שאָטן
שלייכנדיק זיך ביי די אָפּגעברענטע ווענט.

אַלטע בעטן גאָט דער טויט זאָל גיכער קומען,
יונגע קוקן שטאַר אַרויס אויף האַרטן ברויט,
זעט זשע אייערע הערצער זאָלן ניט פאַרשטומען,
שיקט אונדז הילף וואָס גיכער, ראַטעוועט פון טויט!

כ׳לייען שטיל די שורות און הייסע טרערן, רינען:
ניט פאַרצווייפלט טייערע, וויפל איר זענט נאָך דאָ,
איר וועט דאָ נאָך פיל גוטע פריינד געפינען
וואָס געדענקען אייך אין אייער שווערער שעה!

מינסק

דאָס האַרץ האָט צוויי מאָל ביי דעם נאָמען אויפגעציטערט,
פון ווייטיקדיקן צאַרן און אומבאַגרענצטער פרייד.
אין נייגצן איין און פערציק; — ווי מוראדיק דערשיטערט
געוואָרן איז דאָס האַרץ ווען אומגעריכטערהייט —

עס האָבן וועלט־גזלנים געבראַכט איר טויט געפאַרן,
פאַרוויסטעט אירע גאַסן, פאַרבלוטיקט יעדע שטוב,
פאַראומרייניקט די מאַרקן, פאַרנאַצייט די בולוואַרן,
און לעבעדיקע קינדער באַגראָבן אין איין גרוב.

מינסק—וואו כ׳האָב צו ערשט דערהערט די קאַמפס־געזאַנגען
אין ליאַכאָווקע אויף שיפלעך, אין קאָמאַרויקער וואַלד,
וואו ס׳איז מיין יוגנט אויפגעגאַנגען און פאַרגאַנגען,
וואו כ׳האָב געלערנט קעמפן קעגן צוואַנג און גוואַלד.

מינסק—אָט זע איך איר מיט אויגן צוגעמאַכטע,
דעם סאַד מיט די בולוואַרן, דעם שטילן הויכן מאַרק,
דעם גרויסן בית־המדרש, די קלויזניקעס פאַרטראַכטע,
די „קראָמען" און דעם טומלדיקן, ענגן אַלטן מאַרק.

און יידן לויפן אום פאַרהאַוועטע, פאַרזאָרגטע,
מען דאַרף פאַר ווייב און קינדער און פאַר שול און רב,
מען האַנדלט מיט געליענע, מען גיט אָפּ מיט געבאָרגטע,
ניטאָ קיין צייט צו עסן, ניטאָ קיין רו אין שלאָף.

און פּלוצלונג איז אַ מערדערלעכער שונא איר באַפאַלן,
ווי ווילדע חיות איר צעריסן און צעפּליקט,
אַ חורבן פון דער שטאָט געמאַכט ווי ס׳קענען נאָר וואַנדאַלן
און דריי יאָר גאַנצע איר געמאַטערט און געשטיקט.

און יענע יידן פון די קלויזן און די קראָמען, —
צעפּייניקט און דערהרגעט, צעשאָכטן ווי די שאָף,
אַז פול געוואָרן זיינען הימלען און די תהומען
מיט יידישע יסורים און ליידן אָן אַ סוף.

און ניינצן פיר און פערציק! און ווידער האָט גענומען
דאָס האַרץ זיך רעגן פון ציטערדיקער פרייד,
ווען ס׳איז דער רויט־אַרמייער ווי אַ שטורעם אָנגעקומען
און האָט דעם נאַצי־מאָנסטער באַצאָלט מיט טויט פאַר טויט.

און ס׳רייסן זיך פון האַרץ אַ ברכה און אַ קללה,
— פאַרשאָלטן ווערן זאָל דער נאַצישער געביין!
אין אייביקייט זאָל אים פאַרפאָלגן די יללה
פון די דערמאָרדעטע, אַלט און גרויס און קליין.

דער פּחד פון די לעצטע צוועלף יידן זאָל זיך שפּיגלען
ביים נאַצי אין די אויגן דורות, דורות לאַנג,
דעם יידנס צער זאָל ביי דעם נאַצי ס׳האַרץ פאַרריגלען
פאַר יעדער פרייד, געלעכטער און געזאַנג.

און טויזנט מאָל געבענטשט זאָל זיין דער רויט אַרמייער
דער מוטיק אומבאַזיגטער העלד פון העלדנלאַנד,
וואָס איז געקומען אַלס דערלייזער, אַלס דערפרייער,
און מיט זיין בלוט געלאָשן פון גיהנום דעם בראַנד.

מינסק! פון וויטן ווייט דערהער איך שוין די קלאַנגען
פון האַק און האַמער אין דיין אויפבוי אויף דאָס ניי,
דו ביסט פון שד וואָס האָסט געהאַלטן דיר געפאַנגען
געוואָרן פריי, און וועסט שוין בלייבן פריי!

איבערגעטייוולט דעם טייוול

ס׳האָט היטלער באַגעגנט דעם שטן,
און האָט זיך מיט אים שטאַרק דערפרייט:
„אוי, ברודערל, ס׳איז מיר געראָטן
דיין פּלאַן פון פאַרניכטונג און טויט.

ס׳איז אַלץ מיר געלונגען נאָך בעסער,
ווי דו האָסט אַליין עס פאַרטראַכט,
דער חורבן איז טויזנטער מאָל גרעסער
ווי דו וואָלסט אַליין אים געמאַכט!

איך האָב דיר געפאָלגט און באַוויזן
וואָס דיינער אַ פריינד קען באַגיין,
מיין נאָמען שטעכט שאַרפער ווי שפּיזן,
ער שרעקט איצט דעם גיהנום אַליין!

די וועלט ליגט שוין איצט אין רואינען,
עס פליסן די טייכן מיט בלוט,
וואו קענסטו אַ צווייטן געפינען
צו מאַכן דאָס אַלץ אַזוי גוט?!״

און ס׳האָט אים געענטפערט דער שטן:
„ניט רוף מיך „מיין ברודער״ מיין „פריינד״,
דו האָסט דאָך מיין נאָמען צעטראָטן,
מען לאַכט זיך דאָך אויס פון מיר היינט!

ווי קען איך מיט דיר זיך פאַרגלייכן
אין גרויזאַמקייט, ווילדקייט און שרעק?
מען וויל דאָך פון מיר שוין ניט ווייכן,
איך בין קעגן דיר היינט אַ שנעק!

נאָר ס'אַרט מיר ניט וואָס דו'סט צעבראָטן
די וועלט מיט דיין פייער קאַנאָן,
דו האָסט אָבער מיך אויך, דעם שטן,
באַרויבט פון מיין קרוין, פון מיין טראָן!

איצט קען איך אין גיהנום ניט קומען,
איך האָב דאָרט ניט מער וואָס צו טאָן,
מיין קיניגרייך האָסטו פאַרנומען,
טו גיי גיך אַהין, אויף מיין טראָן!

אין מונדיר

אָפּט איז ער אַהער געקומען,
נאָר ס'האָט קיינער אים געקענט.
פלעגט ער מיט אַ בליק אַ שטומען
זיצן און געקוקט אַרום אים
אָפּגעזונדערט, אָפּגעפרעמדט.

קיינעמס האָרץ האָט ניט גערעגט זיך
ווען מען האָט אים ניט געזען,
קיינער האָט ניט נאָכגעפרעגט זיך
קיינעמס נייגיר האָט געוועקט זיך
צי ס'איז וואָס מיט אים געשען.

האָט ער יע צי ניט געגעסן?
קיינעם האָט עס ניט געאַרט,
אָפּט איז ער געווען פאַרגעסן
ווען ער איז נאָך דאָ געזעסן
און געשוויגן און געוואַרט.

ביז איין נאַכט אין אַ געוויטער
עפנט זיך אויף שטיל די טיר,
ס'האַרץ גיט איבעראַשט אַ ציטער,
דאָרטן, ווי אַ צוגעשמידטער
שטייט ער זיך אין אַ מונדיר.

קנעפּלעך פינקלען ווי די שטערן
אין אַ טיפער בלויער נאַכט,
אויגן שײַנען און זיי ווערן
גלאַנציק, ווי עס וואָלטן טרערן
זײַנע ברעמען פײַכט געמאַכט.

ס׳היטעלע קוקט שטאָלץ אַרונטער,
דער מונדיר ליגט אַזוי גלאַט,
און דאָס פּנים — אַ געזונטער,
שמייכלט אַזוי ליב און מונטער:
ברידער, איך בין אַ סאָלדאַט!

ס׳דאַרף מײַן לאַנד מיך איצטער האָבן,
בין איך שטאָלץ און גיי מיט פרייד
ניט צו לאָזן שוואַרצע ראָבן
אונדזער פרייהייט אונטערגראָבן
און אונדז ברענגען נויט און טויט.

און עס ריידן זײַנע אויגן
מער ווי ס׳וואָלט גערעדט זײַן שטים,
פּלוצלונג ווערט ער נאָענט, אייגן,
עפּעס האָט אונדז צוגעצויגן
צוגעבונדן שטאַרק צו אים.

קנעפּלעך בלאַנקען, אויגן שײַנען,
שטייט ער אַזוי שטאָלץ און גלײַך,
פריי פון אַלע זאָרג און פּײַנען,
און מיר פילן אַז מיר זײַנען
מיטאַמאָל רײַך געוואָרן...

קוקן מיר און זיצן שטילע,
ס׳האָבן ווערטער אויסגעפּעלט,
נאָר עס וועבט זיך אויס אַ תּפֿילה
טיף אין האַרצן פאַר די פילע
קעמפער פאַר אַ פרייער וועלט.

קורעניץ

מײן יוגנט־חבר חיים זלמן שולמאַן

ליבע, פרייד און ווייטיק מישן זיך צוזאַמען,
ווען נאָר מען דערמאָנט פאַר מיר די אַלטע היים.
מיט די שינדל־דעכער און ברוק פון ווייכן ליים,
מיט די ברעטלעך ביי די גערטענער אַלס צאַמען.
מיט דער „גרויסער״ הויז אין מאַרק וואָס זעט זיך קוים,
מיט דער בלאָטע וועלכע קיינער וויל ניט ראַמען.

וואַקסן אויס פאַר מיר בילדער, לאַנג פאַרגאַנגענע,
שפּילעוודיקע יאָרן, טרוימען פון אַ קינד.
אונדזער חדר מיט די ווענט פון מאָך פאַרגרינט,
וואו מיר יינגלעך פלעגן זיצן ווי געפאַנגענע
אין די זומער־טעג און ווינטער ווען דער ווינט
האָט געוויינט אין גאַס מיט מוראדיקע קלאַנגען.

מאַך איך צו די אויגן און זע דעם אַלטן רבין
ווי ער בייזערט זיך און שמייכלט דאָך דערביי:
— שוין פאַרגעסן, שגץ? הויב זשע אָן אויפסניי!
נאָר פון אותיות ווערן פייגעלעך וואָס שוועבן
צו דעם הימל וואו עס איז געראַם און פריי,
און פאַרטראָגן מיר מײן קינדער חלום וועבן.

כ'זע ווי ס'קומט אַ גרויער, האַרבסטיקער פרימאָרגן.
פון אַ דראָבנעם בייסנדיקן רעגנדל באַגלייט.
און אין שטעטל כאַפּט זיך אויף די גרויע נויט,
דאגות פון פרנסה, מאַטערניש און זאָרגן.
און ווען ס'קומט אַ קרעמער עפּענען זײן קלייט,
וואַרט שוין דאָרט אַ פרוי עפּעס וואָס צו באָרגן.

כ׳זע די ווינטער נעכט, קראַנקע און פאַרטרויערט,
ווי זיי קוקן אין לבנהדיקן שיין
דורך די צווייענדיקע פענצטערלעך אַריין
אין די הייזער וואו דער שוואַרצער אומעט לויערט.
וואו ס׳פאַרגייען שטיל אָן פרייד, אָן זונענשיין,
לעבנס ניט געלעבטע, פון גאָט אַליין באַדויערט.

כ׳זע די שבתדיקע טונקעלע פאַרנאַכטן,
פוסטע געסלעך נאָר אַ ציג בלויז זעט, זיך וואו,
צי ס׳לויפט ווער צו מעריב, ס׳פאַלט די נאַכט שוין צו,
און אַ פרוי זוכט דורך אַ פענצטער אַ פאַרמאַכטן
שטערן, וואו ס׳פאַרשווינדט די שבתדיקע רו
ערגעץ אין אַ טיפן הימל אַ פאַרטראַכטן.

כ׳זע די העלע ערב־פסחדיקע וואָכן,
ס׳האָט דאָס לעבן אינעם שטעטל אויפגעוואַכט.
נאָר מען כשרט און מען שייערט טאָג און נאַכט,
ווייל עס האָט אַ קנעכט זיין שקלאַפן־קייט צעבראָכן.
נאָר אין טומל הערט מען: קיין גראַשן ניט געמאַכט,
אָט איז יום טוב און מען מוז דאָך באַקן, קאָכן!

ליבע, פרייד און ווייטיק מישן זיך צוזאַמען,
ווען נאָר מען דערמאָנט דאָס שטעטעלע פאַר מיר,
ווי אַ סטרונע ציטערט אויף פון קלענסטן ריר,
הויבט דאָס האַרץ אָן רעגן, צינדן זיך אָן פלאַמען.
און דער דמיון טראָגט צוריק אַהין, צו איר,
איבער אַלע לענדער, איבער אַלע ימים.

אַ שרפה

(דערינערונג).

פלוצלונג האָט זיך אַ צעפלאַמטע זון באַוויזן
אין די שוואַרצע פענצטער פון דער מיטן נאַכט,
און דעם שלאָף פון אַלעמען אַוועקגעריסן,
אויגן פול מיט שרעק האָט יעדער זיך געריסן
אין דער קאַלטער גאַס זיך גיכער צו דערוויסן
ווער און וואו עס ברענט דאָ אין דער מיטן נאַכט.

אין אַ בראַנד האָט זיך דער הימל אָנגעצונדן,
ווי מען וואָלט אַהין דעם גיהנום געבראַכט,
פונקען ווי די שטערן אין אַ קנויל אַ רונדן
האָבן זיך מיט שוואַרץ געדיכטן רויך געבונדן
און אין מוראדיקע, ברענענדיקע וואונדן,
האָט געקרעכצט די אָנגעצונדענע נאַכט.

שפרינגט דער פייער ווי אַ טיגער אַ פאַרוואונדעטער,
פון צעפלאַצטע פענצטער צאַרנדיק אַרויס,
וואו ביט וואו אַ דאַך פאַלט ברענענדיק אַרונטער,
דאָ און דאָרט אַ קוימען שטייט אַ שוואַרץ פאַרשטומטער,
און דער הימל גליט אין אָנגעברענטן צונטער
פון דעם פלאַקער וואָס צינדט אַ הויז נאָך הויז.

נאָר ווען ס'איז די ברענענדיקע נאַכט פאַריבער,
האָט דער מאָרגן גרוי און בלייך געשטוינט —
קוקנדיק אין טיפע, קוילן שוואַרצע גריבער,
וואו עס האָבן נאָך געברענט אין לעצטן פיבער,
האַלעוועשקעס פון אַ היים אַ ליבער,
און די חורבות האָבן געריכערט און געוויינט.

דער גוטער פוקס און פרומע קאַץ

פון ענגליש.

אַ פוקס האָט מיט אַ קאַץ אַמאָל שפּאַצירט,
און פון גערעכטיקייט אַ שמועס אָנגעפירט.
ווייל ווען מען רעדט שפּאַצירנדיק, איז דער וועג ניט לאַנג,
און ס׳ווערט ניט מאַנאָטאָן דער גאַנג.
יושר — זאָגט דער פוקס, — איז די שענסטע זאַך!
צו שטיין מיט דעם וואָס איז אַ שוצלאָזער און שוואַך
און העלפן הילפלאָזע, איז דער גרעסטער שאַץ!
געוויס, געוויס! כאַפּט אונטער פרום די קאַץ.
רחמנות, ליבע, איז דאָך אַזוי שיין,
מען דאַרף צוליב אַ צווייטן פאַרזען זיך אַליין!
נאָר מיט אַמאָל איז פון דעם וואַלד
אַ הונגעריקער וואָלף אַרויס, און באַלד
האָט ער דערזען
אַ סטאַדע שעפּסן פון פּאַסטוך ניט באַוואַכט,
מיט גליענדיקע אויגן ווי פונקען אין דער נאַכט
און מיט אַ הונגעריקן ברען,
האָט ער געכאַפּט אַ שעפּס אין זיינע ציין,
און איינגעביסן זיך אין איר פלייש און ביין.
געוואַלד! — שרייט אויס דער פוקס, איך בין פאַרביית
איך קען ניט צוזען אָט די מערדעריי!
עס כאַפּט מיך אָן אַ שרעק,
קום גלייך אַוועק!
אוי—אוי—מיאָוקעט פרום די קאַץ,
איך האַלט ניט אויס, איך פּלאַץ!
וואו האָט מען דען אַזוינס געזען,
וואָס איז אָט דאָ נאָר וואָס געשען,
אַזאַ מין שוידערלעכע טאַט,
דערהרגענען אַ צווייטן, כדי צו ווערן זאַט!
און מיט פּראָטעסט קעגן אָט דער באַרבעריי,
האָט גלייך דאָס פּאָר גענומען לויפן צו אַ הויף
וואָס איז געווען דערביי.

נאָר אין געלויף
האָט דאָרט דער פוקס געכאַפּט אַ הון
וואָס האָט זיך שטיל געוואַרעמט אין דער זון,
און איינגעשטילט זיין פוקסן־אַפּעטיט,
צו הינער וועלכע ווערן ניט געהיט.
די קאַץ האָט אויך דערזען אַ מויז
וואָס איז פון ערגעץ וואו אַ שפּאַלט אַרויס.
און איידער ס׳האָט דאָס מייזל זיך אַרומגעזען,
איז זי שוין ביי דער קאַץ אין מויל געווען.
אַ שפּין האָט פון אַ וואַנט אַראָפּגעקוקט
מיט ווייטיק ווי עס ווערן לעבנס דאָ פאַרצוקט,
האָט איר פון צער דאָס שפּינען־האַרץ פאַרדריקט,
און אויס פאַרדרוס האָט זי אַ פליגעלע דערשטיקט.

באַלאַדע פון פישער מיידל

ווי ס׳הויבט נאָר גרויען דער מאָרגן,
קומט שטיל צו דעם ים ברעג פאַרטראַכט,
אַ מיידל אַ בלייכע און בלייבט דאָרט
ביז שפּעט אין דער טונקעלער נאַכט.

זי שטייט דאָרט אַזוי ווי פאַרגליווערט
און קוקט אין דער ווייט נאָכאַנאַנד —
וואו ס׳באָדט זיך דער רונדיקער הימל,
אין ים מיט זיין העל־בלויען ראַנד.

זי זוכט אַלץ צעווישן די זעגלען
אַרום האָריזאָנט מיט איר בליק,
אַ שיפל וואָס איז דאָרט פאַרשוואונדן,
און איז ניט געקומען צוריק.

זי זעט נאָר ווי ס׳טראָגן זיך כוואַליעס
און יאָגן זיך רוישיק צום ברעג,
און ברענגען צוריק אין זכרון
איר בילדער פון נעכט און פון טעג.

זי זעט אַ געזילבערטן אָוונט,
אין העל בלייכע סודות געהילט,
זי הערט ווי אין ים און אין הימל
האָט ווער ווי פאַרכישופט געשפּילט.

און ס׳האָט איר די קאַלטע לבנה
געצונדן דאָס בלוט און גערעגט,
דער העלער געזילבערטער אָוונט,
האָט עפּעס געמאָנט און געוועקט.

און ער איז פון שיף דאָן געגאַנגען,
מיט נעצן געקנוילט אויפן קאַרק,
פון זון און פון ווינט אַ פאַרברענטער,
אַ העלד אַזוי שיין, אַזוי שטאַרק.

אַ פישער וואָס ווייסט אַלע סודות
פון רוים און פון ים און פון צייט,
וואָס מעסט מיט די אויגן די טיפקייט
פון ים און פון נעבלדיק ווייט.

און דאָ ביי דעם ברעג וואו די כוואַליעס
דערציילן די סודות פון ים,
דאָ האָבן זיך הערצער באַגעגנט,
צעגליט פון דעם זעלביקן פלאַם.

אַט דאָ האָט דאָס לעבן געכּישופט,
געגליט מיט צעצונדענע פרייד,
דאָ האָבן זיך וואָכעדיק שעהן
פאַר איר זיך אין יום־טוב געקליידט.

דאָ פלעגט ער איר מעשיות דערציילן
וואָס ער האָט געהערט און געזען,
פון שטורמיקע רייזעס אויף ימים,
פון לענדער וואו ער איז געווען.

פון נעכט ווען דער ים האָט מיט כעס
צום הימל געוואָרפן די שיף,
און הימל און שיף באַלד פאַרשלונגען
צוריק אין צעעפנטן טיף.

פון טעג ווען פון זוניקע שטראַלן
דער ים האָט אַ גאָלדנער געגלאַנצט,
ווי ס׳האָבן די אַלטע מאַטראָסן
ווי קינדער געזונגען, געטאַנצט.

און זי האָט געהערט און געשלונגען
די מעשׂיות וואָס ער האָט געבראַכט,
געשלונגען דאָס כּישופֿדיק לעבן
אין שטילער פֿאַרחלומטער נאַכט.

ביז איין מאָל ווען ס׳האָט זיך אַ שטורעם
געוואָרפֿן אויף ים און אויף לאַנד,
ווי טורעמס געהויבן דאָס וואַסער,
ווי בערג אויפֿגעהויבן דעם זאַמד.

נאָר ס׳זיינען די כוואַליעס וואָס האָבן
געהאַלטן דעם הימל אין שרעק —
געווען נאָר אַ שפּיל פֿאַרן פֿישער,
און ער איז אין שטורעם אַוועק.

אַוועק אין זיין קליינינקער שיפֿל,
געיאָגט פֿון צעווילדעטן ווינט,
אויף בערג און אויף טאָלן פֿון וואַסער,
אַלץ ווייטער אין חושך געשווינדט.

און ס׳האָט אים דער שטורעם באַגעגנט
מיט אָרעמס אויף מיילן צעשפּרייט,
און ווייטער געטראָגן זיין שיפֿל
פֿון שוים־ווייסע שדים באַגלייט.

דאַן האָבן די כוואַליעס נאָך העכער
צעטאַנצט זיך אין ווילדן גאַלאָפּ,
און זיינען מיט רוישיקן אימפּעט
מיט אים צו דעם אָפּגרונט אַראָפּ.

ס׳קומט יעדן פרימאָרגן אַ מיידל
אַ בלייכע צום ים־ברעג און וואַרט —
אויף דעם, וועמען ס׳האָט בייזער נעפּטון
אין תפיסה פון וואַסער פאַרשפּאַרט.

עס גייען די נעכט וועלכע האָבן
מיט ליבע געוואַרעמט די טעג,
עס בלייבן נאָר הימל און וואַסער,
מיט זיי בלייבט אַ מיידל ביים ברעג.

ראָמאַנטישע לידער

ניט לאָז פֿאַרביי

מיר האָבן טעג, אַזוי פיל טעג,
נאָר ווינציק פרייד אין זיי,
מיר האָבן נעכט, אַזוי פיל נעכט,
מיט בענקענדיקן וויי.
און קומט שוין יאָ אַמאָל די פרייד,
דאַן קומט זי אויף אַ וויילע,
און גיט אַ שיין, אַ ווייל אַ רייץ,
און פליט אַוועק אין איילע.

טו ווען עס קומט די פרייד צוגיין,
דאַן נוץ זי אויס, מיין פריינד,
דו ווייסט ניט צי דער מאָרגן וועט
דיר געבן וואָס דער היינט.
און ווען עס קומט דער אָוונט אָן
פון אומעט שטיל באַגלייט,
וועט כאָטש אין האַרצן לעבן נאָך
די ניט געזאָמטע פרייד.

זאָל זיין

זאָל זיין עס איז אַ חלום בלויז,
אַ קורץ געזאַנג,
נאָר זע ווי שיין עס איז די רויז,
כאָטש ס׳בליט ניט לאַנג.

זאָל זיין דער פייער וועט פאַרגיין
וואָס צינדט דאָס בלוט,
נאָר זע ווי ליב עס איז, ווי שיין,
אָט די מינוט!

זאָל זיין ניט אייביק פאַר אונדז שיינט
דאָס גליק, זאָל זיין!
פאַרגעס דעם מאָרגן אין דעם היינט
דו שיינע מיין!

קאַקאַין

וואָס אַרט מיך וואָס ס'וועט שפּעטער זיין,
דערוויייל — גיב מיר קאָקעין!
אַ גרויסע מאָס, אַ פולע מאָס,
און זאָל אַלץ ווערן וואונדערשיין.
וועט דאָן דער זשאַווער פון פאַרדראָס
וואָס עסט דאָס האַרץ
ווי שניי אין פרילינג זיך צעגיין.
נו, נאָך אַ קוש, וואָס מער קאָקעין.
פריש רויטע ליפּן, קוש מיט די ציין!
עס טוט ניט וויי,
עס שטילט נאָך איין
דעם שאַרפסטן וויי.
דער טיפסטער פּיין
ווערט פריידיק זיס.
נו, נאָך אַ קוש און נאָך אַ ביס!
אַ טראָפּן בלוט? ס'איז גוט אַזוי!
עס ווייזט זיך אויפן ברעם אַ טרער?
ביים שטאַרקער נאָך, קאָקעין וואָס מער!

בלויז דו

אַלע פרויען זיינען שיינע,
יעדע האָט איר חן,
וואָס־זשע בענק איך אַזוי פיינלעך
בלויז נאָך דיר אַליין?

אַלע פרויען זיינען רייצנד,
אַלע זיינען ליב,
וואָס־זשע טראָג איך נאָר דיין נאָמען
שטענדיק אויף מיין ליפּ?

אויגן

אויגן.
פאַרחלומטע פאַרנאַכטן.
שפּרייטן זיך איבערן ים
אין דער אונטערגייענדיקער זון.
וויקלען איין אין גלעטנדיקער בענקשאַפט
די סילועטן פון די בערג.
דיינע אויגן.

אויגן.
פּערל איינגעוועבט אין סאַמעט,
רופן, ציען, כּישופן,
פאַרכּישופן
דעם וואָס קוקט אין זיי.
דיינע אויגן.

אויגן.
טיפער ווי דער בלוי פון הימל.
ווייכער פון דעם שטילן אָוונט.
ליכטיקער פון זומער מאָרגן.
פול מיט סודות ווי די נעכט
פון סעפּטעמבער.
דיינע אויגן.

אויגן.
טענער פון אַ פידל
זיינען אין דער וועלט אַוועק
אַ נשמה זוכן
וואו נאָך אַמאָל געבוירן ווערן,
און ביי דיר זיך אָפּגעשטעלט.

זינגען זיי פון דיינע אויגן
מיט דער פרייד פון קינסטלער
וואָס האָט זיי באַשאַפן.
שפּינען זיי חלומות אויס
פון אַ וואונדער וועלט
וואו עס טובלען זיך
טרוימען אין דעם מאָרגן־טוי.
דיינע אויגן.

אויגן.
אייביק זוכנדיק
דאָס, וואָס איז ניטאָ.
אייביק טראָגנדיק
דעם טרויער פון אַ בענקענדיקער ליד.
דערציילן שווייגנדיק
סודות פון אַ שטורעמדיקע האַרץ.
דיינע אויגן.

***

בענקענדיקע טעג האָבן זיך געצויגן,
פיבערדיקע נעכט האָבן וואָס געמאָנט.
ביז איך האָב אין דיינע אומעטיקע אויגן
מיינע בענקענדיקע טעג און נעכט דערקאָנט.

אַ בעטלער

פֿאַר בענקענדיקע שעהן
באַצאָלסטו מיט מינוטן,
און מיט אַ קאַלטער שעה
פֿאַר בענקענדיקע נעכט,
דאָך נעם איך וואָס איך קריג
ווי פֿון אַ האַר אַ גוטן,
עס נעמט צו אַ נדבה
אַ געדולדיק קנעכט.

איך נעם צו די נדבה
אַ באַליידיקטער, פֿאַרשעמטער,
אַ בעטלער בין איך און
מוז נעמען וואָס מען גיט,
נאָר גיי אַוועק פֿון דיר
צעוויייטיקט, אַ פֿאַרקלעמטער,
וואָס איך בעטל און
וואָס העלפֿן קען איך ניט.

פֿראַגמענט

וואָס זאָל איך דיר שרייבן,
פֿון וויטיקדיקן בענקען?
ווי כ׳קען ניט פֿאַרגעסן,
און וויל ניט געדענקען,
ווי אומעטיק ס׳איז מיר אָן דיר?
ווי ס׳ווילט זיך ניט גלויבן
אַז אַלץ איז פֿאַרגאַנגען,
ווי ס׳גליען נאָך זודיקע
וואונטשן, פֿאַרלאַנגען
וואָס ווילן ניט שטאַרבן אין מיר?

ראָמאַנסן

כ׳האָב דיך אויף מיין איינזאַם וועג באַגעגנט,
וואו איך האָב געזוכט אַ ביסל גליק.
און נאָך איידער כ׳האָב זיך אָפּגעזעגנט,
האָט מיין פרייד געשפּיגלט אין דיין בליק.

ווייך האָט אין דער נאַכט דיין קול געקלונגען,
אויגן האָבן כישופדיק גערעדט,
ס׳האָט דאָס האַרץ און בלוט אין מיר געזונגען
ווען איך האָב דיין קליינע האַנט געגלעט.

כ׳האָב אויף מיינע שטורעמדיקע וועגן
אומגעוואַנדערט און געזוכט דיר וואו,
ווער נאָר ס׳איז געקומען מיר אַנטקעגן,
האָט מיר אַלץ געדוכט אַז דאָס ביסטו.

נאָר קיין איינע האָט מיין האַרץ געצונדן,
און געבראַכט צו מיין נשמה רו,
אַלע זיינען זיי פון מיר פאַרשוואונדן,
אין מיין האַרץ איז נאָר געבליבן דו.

דיין בילד

איך האַלט דיין בילד און קוק און טראַכט:
אַ שטערן אין דער שוואַרצער נאַכט,
וואָס האָט מיר שטיל פאַרבייגעבליצט,
און אין מיין האַרץ זיך איינגעקריצט.

איך קאָן ניט פֿאַרגעסן

כ׳מייד אויס יעדן שטעג און וועג
וואו איך בין מיט דיר געגאַנגען,
קיין זאַך זאָל מיך ניט דערמאָנען
אָן די זודיקע פֿאַרלאַנגען
וועלכע האָבן האַרץ און בלוט
אין מיר געצונדן.
דאָך פֿאַרטראָגט דער מזל מײַנער
מיך צוריק אויף יענע וועגן
ווי אַ בלינדער וואָלט מיך פֿירן
און פֿאַרפֿירן
וואו איך וויל ניט גיין.
קען איך ניט פֿאַרגעסן.
דאָ בין איך מיט דיר געזעסן,
דאָרט בין איך מיט דיר געגאַנגען,
דאָרטן האָט אַ נאַכט אַ בלויע
אין דײַן כּישוף מיך געפֿאַנגען.
קומען הײַזער מיר אַנטקעגן,
ווינקען מיט די פֿענצטער, טירן,
קומען ביימער מיר אַנטקעגן
ווינקען מיט די צווײַגן,
רעדט צו מיר אַ שטילער טײַכל,
רײַדן קוסטעס און דערמאָנען.
דאָ האָט אײַפֿערזוכט געצונדן
האַרץ און מוח און געלאָזן
טיפֿע ברענענדיקע וואונדן.

דאָ האָב איך פון דיינע ליפּן
שטיקער לעבן איינגעשלונגען,
דאָרט האָב איך געוועבט מיין חלום
און מיין ליד פאַר דיר געזונגען.
קען איך ניט פאַרגעסן.
זאָג, וואוהין זאָל איך אַנטלויפן
איך זאָל קענען דיר פאַרגעסן.

בלויז אַ פריינד

וואָס איז געווען, דאָס איז אַוועק.
און קומט ניט מער צוריק,
די שיינע העלע נעכט און טעג,
די ליבע און דער גליק.

און אַ געפיל וואָס צינדט אונז בריט,
ווערט מיט דער צייט אויך קאַלט,
ווי ס׳וועלקט אין האַרבסט דער זומער בליט,
ווי ס׳שווינדט דער גרין פון וואַלד.

נאָר בלייבן וועל איך דיר אַ פריינד,
אין פריידן צי אין פיין,
צי האָסט מיר ליב, צי האָסט מיר פיינט,
אַ פריינד וועל איך דיר זיין.

געזעגן ליד

פֿאַרסט אַוועק דו ליבער מײַנער,
לאָזט מיר דאָ אַליין,
ווער וועט מײַנע טרערן ווישן
ווען איך זיץ און וויין?

ווער וועט מיר גוט מאָרגן זאָגן
ווען די זון גייט אויף?
ווער וועט גוטע נאַכט מיר ווינטשן
ווען עס רופֿט דער שלאָף?

ווען די זון וועט אין מײַן פֿענצטער
שײַנען מיט איר גאָלד,
ווער וועט דאַן מיר קומען זאָגן
אַז ער האָט מיך האָלט?

און אין טריבע נעכט ווען ס׳הויבט אָן
יאָמערן דער ווינט,
ווער וועט דאַן מיר צו זיך טוליען
ווי אַ ציטריק קינד?

כ׳וועל אַליין זײַן מיט מײַן אומעט
ווען דו ביסט ניטאָ,
און אויף דיר אַלץ וואַרטן, וואַרטן,
ביז מײַן לעצטע שעה.

די נאַכטיגאַל און די רויז

פון ענגליש

עס זינגט די נאַכטיגאַל און טרילט,
אַ ליד צום בלום אין נאַכט געהילט,
עס בויגט איר קאָפּ אַראָפּ די בלום,
און הערט דאָס ליד פאַרכישופט שטום.

דער דיכטער זינגט פון ליבעס פּיין,
דאָס צאַרטע מיידל הערט זיך איין,
און וואונדערט זיך: צו וועמען זינגט
דער דיכטער און פאַרוואָס עס קלינגט
דאָס ליד מיט טרויער וואָס ער זינגט.

קוש מיר ליבער

פון אַ פרעמדן מאָטיוו

קוש מיר ליבער, שטאַרקער, הייסער,
דריק מיר פעסטער צו זיך צו,
מאָרגן קומט אַ טאָג אַ גייער,
זיין וועסטו שוין אַנדערשוואו.

כ׳ווייס אַט ווי די ווילדע פייגל
לויפסטו ערגעץ וואו אַוועק,
ס׳איז דיין בלוט, ציגיינער אומרו,
יאָגט דיך צו אַ נייעם ברעג.

איצטער אָבער ליבער מיינער,
ווען דו ביסט מיט מיר נאָך דאָ,
קוש מיר הייסער, דריק מיר שטאַרקער,
אין דער לעצטער זיסער שעה.

מאָרגן זאָל די וועלט פאַרזינקען
אין אַ תהום ווי ס׳איז מיין פּיין.
איצטער אָבער לאָז מיר ליבן
און פון דיר געליבט אויך זיין.

דער לעצטער זײַ געזונט

איך האָב דעם לעצטן זײַ געזונט געזאָגט,
איך בין אַוועק ניט קוקנדיק צוריק,
נאָר כ'האָב געפילט ווי ס'האָט מיר נאָכגעיאָגט
דײַן אומעטיקער, ־בענקענדיקער בליק.
איך בין אַוועק ניט קוקנדיק צוריק,
אין האַרץ האָט אָבער ווייטיקדיק גענאָגט
דער צער פון אונדזער אויסגעחלומט גליק,
דער צער פון דיר וואָס האָט מיר נאָכגעיאָגט.

איך בין אַוועק צוריק דעם זעלבן וועג
וואָס איז געווען פאַר אונדז מיט פרייד געשפּרייט,
און האָב געפילט ווי מיט אַ טעמפּער זעג
וואָלט ווער געזעגט דאָס האַרץ מיר בלינדערהייט.
ווי אומעטיק עס איז געווען דער וועג
וואו אַלץ האָט דאָ צו מיר גערעדט, געלאַכט,
וואו העל געווען עס זײַנען טריבע טעג,
און ליכטיק איז געווען די שוואַרצע נאַכט.

איך האָב געזוכט בײַ יעדן קוסט און בוים
אַן אָנדענק פון דעם אַלץ וואָס איז געווען,
אַן אָנדענק פון דעם אויסגעוועבטן טרוים
וואָס האָט אין דײַנע אויגן זיך געזען.
נאָר פּוסט און איינזאַם איז געווען דער וועג,
דער קוסט און בוים פאַרלאָזענע און טויט,
ווי איצטער זײַנען יענע שײנע טעג,
ווי ס'איז די נאַכט וואָס האָט מיך איצט באַגלייט.

ראָמאַנס

דורך לבנה שיין האָט פרייד צו מיר געוואונקען,
און די בלייכע נאַכט האָט מיט גליק געררייצט,
האָב איך פון דעם טיפן, ריינעם קוואַל געטרונקען,
פולע פרייד וואָס האָט פון דיר צו מיר געפּלייצט.

ווי אַ דורשטיקער האָב איך די פרייד געשלונגען,
פון די ליפּן, פון די אויגן — טיפער ים.
זאָג: — האָסטו געהערט ווי ס׳האָט מיין האַרץ געזונגען?
זאָג: — האָסטו געזען מיין האַרץ אין ווילדן פלאַם?

איינגעדרעמלט האָט די נאַכט אין ווייכן טרויער,
איינגעהילט די וועלט אין כישופדיקער רו,
טראָגן זיך די קלאַנגען אין דער נאַכט דער בלויער,
זאַפּ איך איין די קלאַנגען: טרויער, פרייד און — דו!

כאַטש אַ וויל

כ׳וויס דו וועסט אַמאָל דאָך קומען
אויף אַ וויל,
מיך אַ רייץ טאָן און אַנטלויפן
אין געאייל.

איז מיר אויך די ווילע טייער,
די מינוט,
נאָר צו זען דיר, ליבע מיינע,
איז שוין גוט.

אָפּגעדוכט

גאָס איין, גאָס אויס, איך גיי און גיי,
און קוק זיך אַלעווײַלע אום,
אַזוי פיל פּרויען דאָ אַרום,
קאָן זיין ביסט אויך דאָ צווישן זיי.

איך גיי אַרום גאַס איין, גאָס אויס,
און קוק און זוך און וואַרט און האָף,
און פּלוצלונג ציטערט ס׳האַרץ מיר אויף,
דאָרט קומסטו פון אַ גאָס אַרויס.

איך האָב דערקענט דיין הוט, דיין קלייד,
דיין שטילן שוועבנדיקן גאַנג.
און ס׳האָט אין האַרץ זיך אַ געזאַנג
געמישט מיט אומרואיקער פרייד.

איך האָב זיך אָפּגעשטעלט, געוואַרט,
אַט קומסטו נענטער, נענטער צו,
ערשט ס׳איז אַן אַנדערע, ניט דו,
מיין וואונטש האָט מיר נאָר אָפּגענאַרט.

דו

דו.
בלויז דאָס איינציק וואָרט
האָסטו אַרויסגערעדט.
און ווי אַ שטילער
האַרציקער געבעט
האָ טדאָס וואָרט
מיך טרייסטנדיק געגלעט.

דו.
ווי די גאַנצע זון וואָס שפּיגלט זיך
אין איינציק טראָפּן טוי,
ווי די זון וואָס שפּיגלט זיך
אין קלאָרן וואַסער בלוי,
האָט דאָס איינציק וואָרט
דו!
זיך אָפּגעשפּיגלט אין מיין האַרץ
און געבראַכט צו מיר
די וואונדער פון אַ ווייטער
און פאַרשטעלטער וועלט.
דו!

ניט רייד

זיי שטיל, דו קענסט ניט זאָגן מער
ווי ס׳רעדט דיין שטומער פּיין,
ווי ס׳רעדט דיין טיף פאַרשטיקטע טרער
וואָס דו שלינגסט אין זיך איין.
דיין אויג שרייט אויס דעם שטאַרקן ווי
וואָס איז אין דיר פאַרהוילט,
זיי שטיל, דיין שטומער אויסגעשריי
האָט מיר דיין סוד דערציילט.

איך ווייס וואָס קלעמט אַזוי דיין האַרץ
אין אומעטיקער שעה,
ווען דו דערזעסט ווי שטאַרק דיר האַלט
דיין ענגע, קליינע וועלט,
דו זוכסט אַרום פאַרבענקט די פרייד
וואָס איז ביי דיר ניטאָ,
דו זוכסט און ווייסט אַז קיינמאָל וועט
ניט קומען וואָס דיר פעלט.
און גייסט אַזוי אַרום פאַרקלעמט
אויף איינזאַם שמאָלן וועג
און מאָלט זיך אויס אַז דאָס איז גאָר
אַ העל צעבליטע פעלד,
און פאַר דיין אויג שפּרייט זיך אַרויס
אַ זונענדיקער ברעג
פון וואַנען, האָסט געחלומט, ס׳וועט
זיך אָנהייבן דיין וועלט...

דו ליבסט מיך ניט

פון רוסישן — ס. יעסענין; יידיש — ד. ק.

ליבסט מיך ניט און ס׳רעגט באַדויער דיר ניט,
בין איך דען אַזוי ניט שיין פאַר דיר?
שרעקסט זיך פאַר מיין פנים, קוק אויף מיר ניט,
נעם אַרונטער דיינע הענט פון מיר.

אייביק יונגע, רייצנדיק באַגערטע,
כ׳בין צו דיר ניט אייגן און ניט פרעמד,
זאָג מיר, וויפל האָסטו שוין געצערטלט,
וויפל זאָג, געדענקסטו ליפּן, הענט?

כ׳ווייס ווי שאָטנס זיינען זיי געוועזן,
ניט צעבלאָזנדיק דיין פלאַם אין דיר,
ביסט ביי פילע אויף די קני געזעסן,
איצטער זיצסטו פונקט אַזוי ביי מיר.

לאָזט אַראָפּ די האַלב פאַרמאַכטע אויגן,
און דו זעסט אַ צווייטן אין געדאַנק,
אויף מיין ליבע איז דאָך לאַנג פאַרפלויגן
אויף מיין לאַנגן וועג און ס׳טוט ניט באַנג.

רוף ניט מזל דאָס וואָס איז פאַרלאָפן,
יענעם לייכטזין וואָס האָט אונדז גערעגט,
ווי איך האָב דיך אומגעריכט געטראָפן,
וועל איך רואיק שמייכלענדיק אַוועק.

דו וועסט אויך גיין וואו דיין וועג וועט פירן,
וואַרפנדיק די טעג אָן פרייד צום ווינט.
זאָלסט נאָר ניט געקושטע ניט באַרירן,
ניט געצונדנע רייץ ניט און ניט צינד.

וועסט מיט יענעם ווען אָרזיס שפּאַצירן,
פלאַפלענדיק פון ליבע, זיין געטריי,
קען זיין אַז מיין וועג זאָל צו דיר פירן,
און מיר וועלן טרעפן זיך אויפסניי.

צו זיין אַקסל וועסט דיין קאָפּ אַ בויג טאָן,
און גוט אָוונט זאָגן שטילערהייט,
וועל איך רואיק אויך מיין קאָפּ אַ נויג טאָן,
און גוט אָוונט ענטפערן אָן פרייד.

ווייל אין האַרץ איז גאָרנישט מער געבליבן
וואָס זאָל מאַכן די נשמה שווער,
דער וואָס האָט געליבט קען מער ניט ליבן,
אָפּגעברענטע קענסט ניט צינדן מער.

ראָמאַנס

עס האָט די פֿאַרנאַכטיקע וועלט אָנגעקליידט זיך
אין שאָטנס וואָס האָבן ווי פֿליגלען צעשפּרייט זיך
און נאַכט איינגעוויקלט אין בלוי.
און דו ביסט געקומען, פֿאַרחלומט, אַ שטילע,
מיט אויגן פֿאַרטראַכטע ווי ס'וואָלט זיך אַ תּפֿילה
געבאָדן אין נאַכטיקן טוי.

נאָר גיך איז די נאַכט מיט איר שימער פֿאַרשוואונדן,
אַוועק זיינען שעהן וואָס האָבן געצונדן
דאָס האַרץ, און דאָס בלוט מיר געבריט,
דאָך זע איך דיר אַלץ פֿון די שענסטע נאָך שענער
דיין קול אַזוי ווייך ווי פֿון פֿידל די טענער
איך זע דיך און ס'זינגט מיין געמיט.

עס זיינען די שעהן פֿון פֿריידן פֿאַרגאַנגען,
געבליבן נאָר זיינען די הייסע פֿאַרלאַנגען
וואָס גליען אין האַרץ נאָכאַנאַנד.
די שעהן פֿון פֿריידן געשאַפֿן פֿון ביידן,
פֿאַר ביידן צו טרינקען אָן אויפֿהער די פֿריידן
פֿון רוישיקן לעבן ביינאַנד.

מיין ניט געזונגענע ליד

ווען ס'האָבן מיך אַנטוישונגען געפּייניקט,
האָב איך דאָס וואָרט געהאַט
מיין וויטיק אויסצושרייען.
און ווען איך האָב פון הויכע בערג
געזען די זון פאַרגיין,
האָב איך דאָס וואָרט געהאַט
פאַר מיין באַגייסטערונג.
און ווען איך האָב דעם ים געזען
אין ווילדן ברויזנדיקן צאָרן,
האָב איך דאָס וואָרט געהאַט
פאַר דעם אַנטציקטן שוידער.
נאָר ווען איך האָב אויף דיר געקוקט
אין בלייכן העלן אָוונט־ליכט,
ווען ס'האָט דיין פּנים די לבנה
פאַרטונקלט מיט איר זילבער שיין,
האָט מיר דאָס וואָרט געפעלט
צו זאָגן וואָס איך האָב געפילט.
די נשמה האָט די ווערטער איינגעשלונגען
ווי דער מאָרגן הימל
שלינגט די שטערן איין.
איך האָב געקענט נאָר טיף אין מיר
אויסזינגען מיין ניט געזונגענע
ליד צו דיר.

האַלאַוויעשקעס

אויסגעלאָשן איז דאָס פייער,
ס׳קנוילט זיך נאָר דער רויך.
קלענער ווערן אַלץ די פונקען,
לעשן זיך אין הויך.

בלויז אַ שטיקל האַלאַוויעשקע
ברענט נאָך שטיל און פויל,
אָן אַ פלאַם און אָן אַ פלאַקער,
ס׳ברענט נאָר אַש און קויל.

אויסגעלאָשן איז דאָס פייער,
ס׳האַרץ איז איינגעשטילט,
אַלץ וואָס האָט געררעגט, געצונדן,
האָט זיך אָפּגעקילט.

האָסט דערזען: דאָס שיינע פּנים
האָט ניט מער קיין חן,
און דער גלייכער שיינער קערפּער
איז ניט גלייך און שיין.

אויס מיט כּישוף פון די אויגן
און די ווייכע האָר,
פון דעם גאַנצע רייץ געבליבן
איז אַ שאָטן נאָר.

פרעגט דער אמת מיט געלעכטער:
וואָס האָסטו דערזען?
און דו ענטפערסט אַ פאַרשעמטער:
כ׳בין אַ נאַר געווען...

איך לייג זיך אויף מיין בעטל
נאָר עס שלאָפט זיך ניט,
איך קוק אין פענצטער און
די שויבן זיינען בלינד,
פון וואָס איך זאָל ניט טראַכטן,
ביסטו אַלץ אין דער מיט,
ווי ס׳איז אַ מאַמעס האַרץ
אייביק מיט איר קינד.

איך טרייב פון זיך דאָס בענקען,
אָבער ס׳איז אומזיסט,
עס וויל דאָס האַרץ ניט פאָלגן
פון מוח דעם באַפעל,
מיין האַרץ און די נשמה
זיי זיינען וואו דו ביסט,
איך וועל אַזוי שוין בלייבן
אַ בעטלער ביי דיין שוועל.

שלאָף ליד

שלאָף מיין ליבע, שלאָף מיין שיינע,
מאַך די אויגן צו,
איינע ביסטו, פאַר מיר איינע,
איי־ליע־ליו־ליו־ליו.

נאָר ביי דיר קען איך געפינען
גליק און פרייד און רו,
אויף דיין שויס מיין ליד אויסשפּינען,
איי־ליע־ליו־ליו־ליו.

אין מיין האַרצן קלינגען קלאַנגען
רופן ערגעץ־וואו
צו אַ וועלט פול מיט געזאַנגען,
איי־ליע־ליו־ליו־ליו.

מיינע לידער זיינען שטילע,
האַרציקע ווי דו,
זינג איך זיי צו דיר מיין תפילה.
איי־ליע־ליו־ליו־ליו.

גוט אַזוי

טונקעלע וועגן ערגעץ פירן
וואו די פּאָרלעך ראָמאַנסירן,
אויפן שטערן, אונטן צווייגן,
זען אַלצדינג צו און שווייגן.

בלאָזט אַ ווינטעלע אַ מילדער,
ווערט דאָס בלוט אַלץ הייסער, ווילדער,
שליסן ליפּן זיך צוזאַמען,
ליגט די טונקלע וועלט אין פלאַמען.

אויגן ברענען, ס'ריידן פינגער,
ווערן הערצער גרינגער, יינגער,
ס'האָט די נאַכט איר פאַנג געפאַנגען
אין די נעצן פון פאַרלאַנגען.

וויקלט זיך די נאַכט אין סודות
אַ באַהאַלטענע פון עדות,
קיינער זאָל ניט זען און הערן,
קיינער זאָל דעם חלום שטערן.

גייען פאָרלעך ענג געאָרעמט
פון דער זומער־נאַכט צעוואָרעמט,
פינקלען שטערן זיי אַנטקעגן
אויף די שטילע שמאָלע וועגן.

דער האָבאָ

אָפּט גייט ער אום הונגעריק, דורשטיק,
פון זון אַ צעברענטער און מיד,
דאָך וואַנדערט ער אַלעמאָל לוסטיק,
און זינגט זיך זיין זאָרגלאָזע ליד:

וואָס אַרט מיך רעגן אויף די וועגן,
צי אַ שטורעם לויפט פאַרביי,
אויף די ברייטע, אויסגעשפּרייטע,
שליאַכן לעבט זיך אַזוי פריי!

אים ציען און רופן די פעלדער,
עס זינגט און עס גלעט אים דער ווינט,
די פריינד זיינען ביימער אין וועלדער,
און אויף די וועגן די עלנטע הינט.

וואָס אַרט מיך רעגן — — — —

אָוואו ניט געגעסן — געשלאָפן,
אָוואו ניט גענעכטיקט — געטאָגט,
פון איין שטאָט צום צווייטן געלאָפן,
און זיין מזל פאַר קיינעם באַקלאָגט.

וואָס אַרט מיך רעגן — — — —

ער גנבעט די וועגן אויף באַנען,
די טעג ערגעץ־וואו אויף אַ פעלד,
די נעכט וואו עס איז נאָר פאַראַנען
אַ פוסטער פאַרלאָזטער געצעלט.

וואָס אַרט מיך רעגן — — — —

און קומען מינוטן באַטריבטע,
וואָס דריקן אים שווער זיין געמיט,
דערמאָנען אַ קינד, אַ געליבטע,
זינגט ער ווידער זיין זאַרגלאָזע ליד:

וואָס אַרט מיך רעגן אויף די וועגן,
צי אַ שטורעם לויפט פאַרביי,
אויף די ברייטע, אויסגעשפּרייטע,
שליאַכן לעבט זיך אַזוי פריי!

סאטירישע לידער

טיימס סקווער

יוסף בולאָוון

אין דער לענג און אין דער ברייט
נאָר מען גייט און מען גייט און מען גייט,
דער אַהין און דער אַהער
אויף דעם טומלדיקן סקווער.
מען גייט ווייל קיינער קען ניט שטיין,
מען צווינגט צו גיין און גיין און גיין
דער גיט אַ שטויס, דער גיט אַ דריק,
אַ טראַט פאָראויס, אַ טראַט צוריק,
אַז יעדער איז אין יעדנס וועג,
און שטופּט זיך איינער צו אַ ברעג —
פאַרהאַלט ער אַנדערע אין גאַנג
און מאַכט נאָך גרעסער דעם געדראַנג.
און האַלטסט זיך אָן אָן זיך אַליין
דו זאָלסט דאָרט ניט פאַרלוירן גיין.
דו דאַרפסט צו וועסט און גייסט צו איסט
און ווייסט ניט קיינמאָל וואו דו ביסט,
ניט וואו איז וואו, ניט ווער איז ווער,
אויף טיימס סקווער.

דורך טאָג און נאַכט, עס הערט ניט אויף,
ניטאָ קיין רו ניטאָ קיין שלאָף,
נאָר גיין און גיין אַלץ אָן אַ שיעור,
דו גייסט אויף דעם און דער אויף דיר,
עס טרעט דיר איינער אויף די פיס,
אַ צווייטער גיט דיין זייט אַ ריס,
עס דריקט דיר איינער צו אַ האַנט,
אַ צווייטער קוועטשט דיר צו אַ וואַנט.
דאָ גיט דיר ווער אין קאַרק אַ שטויס,

אַז ס׳פּאַלט דאָס האַרץ דיר שיעור אַרויס,
דו מיידסט אויס איינעם מיט אַ בויג,
קריכסט דיר אַן אַנדערער אין אויג.
פאַר ווייטיק כאַפּסטו אַן דעם קאָפּ,
און ס׳פּאַלט פון דיר דער הוט אַראָפּ.
דו כאַפּסט דעם הוט און פאַלסט אַליין,
ס׳איז ניט צו גיין און ניט צו שטיין,
דער שלעפּט דיין ראָק, דער האַלט דיין הוט,
דו פילסט ווי ס׳קאָכט אין דיר דאָס בלוט,
און ווערסטו פון זיי ענדלעך פריי —
ערשט ס׳וואַקסט פאַר דיר אויס דער טראַמוויי.
אַז אַלץ איז אָפּהאַלט דאָרט און שטער
אויף טיימס סקווער.

אַ פּאָרל גייט געאָרעמט, פיין,
נאָר פּלוצלונג רייסט זיך ווער אַריין
צווישן זיי ווי אַ שטורעמווינט,
און איינער פון דעם פּאָר פאַרשווינדט.
נאָר באַלד האָט איינער פון דעם פּאָר
דערפילט ווי ס׳האַלט אים צו אַ האַנט,
ער קערט זיך אום, צום ווייסטן יאָר,
אים האַלט אַ מענטש גאָר אומבאַקאַנט.

פאַרריסן מיטן קאָפּ אַרויף
שטייט איינער און ער הערט ניט אויף
צו ציילן, ציילן נאָכאַנאַנד
די פענצטער אויף אַ הויכער וואַנט.
נאָר באַלד דערלאַנגט מען אים אַ שטויס,
און ס׳מישן זיך די פענצטער אויס.
גיי צייל דאָרט פענצטער ווען עס וואַרפט
דיר אַ קדחות הין און הער,
און פרעג — צו וואָס האָסטו באַדאַרפט
אינגאַנצן זיין אויף טיימס סקווער?

אַ מענטשן־מאַסע קוקט געשפּאַנט
ווי ס׳דרייט זיך דאָרטן אויף אַ וואַנט
אַ צייטונג מיט די לעצטע נייס
פון גאָר דער וועלט אָן איבערייס.
נאָר איידער כאַפּסט אַ וואָרט אין צייט,
ביסטו שוין אויף דער צווייטער זייט.
און הערסט ניט מער און זעסט ניט מער
אַחוץ דעם טיימס סקווער.

טעאַטערס ווינקען דיר פאַרשייט:
וואָס שטייסטו ווי אַ נאַר פון ווייט?
דאָ האָסטו דראַמאַ, דאָרט בורלעסק,
און דאָרטן וואָדעוויל גראָטעסק.
און מואוויס, אָפּערעס, קלייב אויס,
און קום אַריין, די נאַכט איז גרויס.
דו קריגסט דאָרט וואָס דיין האַרץ נאָר גלוסט,
אַקטריסעס איבעראַל באַוואוסט,
אַקטיאָרן העלדן איינס אין איינס
וואָס מען האָט גאָר ניט אַזוינס.
דאָ ווינקט צו דיר אַ מוזיק־האָל,
דאָ ווייזט מען קונצן, דאָרט אַ באָל,
דאָ רעסטאָראַנען ליכטיק, שיין,
און ווייסט ניט פריער וואו צו גיין.
אַז אַלצדינג ווילט זיך דאָרט זען,
נאָר אויב חלילה אייגער קען
צו זיין ביטערן פאַרדראָס
אינעווייניק ניט אַריין,
ווייל עס פעלט אים אויס מיט וואָס,
און אַז ס׳פעלט אויס איינעם געלט,
טו וואָס־זשע טויג די שיינע וועלט

מיט דעם רייץ און מיט דעם שיין?
קוויקט ער זיך מיט עלעקטריק שיין
און שווערט ניט קומען מער אהער
אויף טיימס סקווער.

אַ ראַדיאָ דאָ אַ ראַדיאָ דאָרט,
ווילסט הערן וואָס און הערסט קיין וואָרט.
עס זינגט און שרייט פאַרטומלט ווערסט,
דו הערסט און הערסט ניט וואָס דו הערסט.
דאָ שפּילט סימפאָניע, דאָרטן דזשעז,
און ווערסט ניט טויב ווי דורך אַ נס.
דאָ זאָגט דיר איינער עפּעס אָן
נאָר ווייסט ניט וואָס ער הייסט דיר טאָן.
עס קלינגט און ס׳פּייפט מיט ווילד געבריל
עלעקטריק קאַר, אויטאָמאָביל,
און אַלץ צוזאַמען מישט זיך אויס
אין איין פאַרטויבנדיק געברויז.
ווי ס׳וואָלט אַ שטורעם אין אַ וואַלד
צעיאָגט זיך מיט אַ ווילדן גוואַלד
און וויגט דיביימער הין און הער.
טיימס סקווער.

די בי עם טי און איי אַר טי,
דו ווייסט ניט וואו און ווייסט ניט ווי.
ס׳איז דאַכט זיך איינס און איז דאָך צוויי,
אַז ס׳דרייט זיך אַלץ אין איין געדריי.
דו איילסט זיך צו דער איי אַר טי,
און קריכסט אַוועק צו בי עם טי.
און ביז דעם טעות האָסט דערקענט,
האָט דיר דערווייל געקאָסט פינף סענט.
פאַרהאַלסטו איינעם: מיסטער פּליעז,
איך בין פאַרקראַכן, זאָגט וואו איז

די בי בי איי טי אַר טי בי די?
ערשט יענער גיט מיט האַסט אַ פּלי,
ווייל ער האָט אויך דערזען מיט שרעק
אַז ער איז אַנדערשוואו אַוועק.
לויפֿט ער אַהין און דו אַהער
אין ווילדן דזשאַנגל אין דער ערד,
וואו קיינער ווייסט ניט דעם פֿאַרקער
און ענטפֿערט ווער, איז פּונקט פֿאַרקערט.
אַ צווייטן ניקל וואַרפֿסט אַריין
אין דער אייזערנער מאַשין,
ס׳קומט אָן אַ באַן, דו פֿאַלסט אַריין,
און פֿאָרסט אַהער ווען דאַרפֿסט אַהין,
נאָר ווען דו קריכסט צוריק אַרויס
און גיסט אַ דריטן ניקל אויס
און פֿאָרסט שוין ווידער אָפּ מיט גליק,
דערזעסטו אַז דו פֿאָרסט צוריק,
דו דאַרפֿסט אַהין און פֿאָרסט אַהער
צוריק אויף טיימס סקווער.

אַרויף אַראָפּ, אַראָפּ אַרויף,
ניטאָ קיין אָנהייב און קיין סוף,
נאָר ס׳גיסט און פֿלייצט דער מענטשן־שטראָם
אָן אָפּשטעל אין אַ טיפֿן תהום.
אַ ברויזנדיקע כוואַליע ווערט
פֿאַרשלונגען ערגעץ אין דער ערד,
און ס׳וואַרפֿט די ערד צוריק אַרויס
אַ מענטשן־מאַסע אין געברויז.
צעברעקלט זיי, אַהין אַהער
אויף טיימס סקווער.

דער יידישער שלום-בית

דער טאַטע איז אַ רעכטער,
געטרייער סאָציאַליסט,
וואָס האָסט מיט אַלע חושים
איעדן קאָמוניסט.

די מאַמע איז אַ לינקע
און האַלט פון דיקטאַטור,
דערהויפּט איבערן טאַטן,
די קינדער און די שנור.

די טאָכטער שפּילט טעאַטער,
און צינדט זיך אָן ווי בראַנד,
ווען עמעצער דערלויבט זיך
קריטיקירן איר טאַלאַנט.

דער זון איז אַ פאַרקאַכטער
אין בעיז באַל, פּייטס און ספּאָרט.
און האָט פאַר זיין משפּחה
קיין איינציק גוטן וואָרט.

דער שווער איז אַ פאַרברענטער
העברעער, ציוניסט,
און קריגט ער נאָר אַ קעגנער,
איז יענעם וויי און וויסט.

די שנור איז אַנאַרכיסטיש
געשטימט און טאָלעראַנט,
פון אירטוועגן מעג יעדער
זיך שלאָגן קאָפּ אָן וואַנט.

די אַלטיטשקע, די שוויגער,
גייט שווייגנדיק אַרום —
און קרעכצט אויף אירע צרות
וואָס קיינער איז ניט פרום.

און קריגט דאָס וואָרט דער איידעם,
דער הייסער יידישיסט,
ווערט גלייך דער לעצטער סימן
פון שלום אָפּגעווישט.

מען זידלט זיך, מען רייסט זיך,
מען קריגט זיך און מען שעלט,
צוליב דעם יידנס וואוילזיין,
צוליב אַ שיינער וועלט.

און יעדער האָט דאָס בילד
פון זיין נביא און זיין גאָט
אויף די ווענט צעהאָנגען,
ווי ס'טוט אַ פּאַטריאָט.

גאָר ווען ס'ווערט די מחלקה
איינגעשטילט אין הויז,
און ס'לויפט דער לעצטער קעמפער
צעקאָכט מיט כעס אַרויס,

ווערט באַלד אַ שפּאָגל נייע
מלחמה דאָרט צעברענט —
צעווישן די נביאים
און געטער אויף די ווענט:

— וואָס זאָגסטו איצטער, הערצל?
פרעגט מענדעלע מיט וויי, —
דיר ווילט זיך אַ מלוכה
באַשאַפן דאָ מיט זיי!

— עט! זאָגט שלום עליכם,
אַ ייד בלייבט אַלץ אַ ייד
אין ניויאָרק צי מאָסקווע,
ער ליבט נאָר אַ יאָריד!

די יידישע יאָרידן!
זאָגט פּרץ מיט אַ קרעכץ,
מען מאַכט נאָר אָן אַ טומל
פון לינקס אַזוי ווי רעכטס!

וואָס דען! — צעשרייט זיך וויצמאַן, —
ווען ס'וואָלט דאָס יידיש פאָלק
געהאַט אַ גוטן קיסר,
וואָלט דאָן שוין זיין אַ טאָלק!

אַ קיסר איז נאָך ווינציק!
זאָגט צביון האַלב מיט שפּאָט, —
איר וועט אויך מוזן האָבן
אַרמייען און אַ פלאָט!

אַרמייען? — זאָגט חיים גרינבערג,
וואָס צביונען געפעלט!
אַז זיינע חכמות קענען
דערהרגענען אַ וועלט!

מיר האָבן אַן אַרמיי שוין!
די שטאַרקסטע אויף דער ערד!
צעפּאַכעט זשאַבאָטינסקי
זיך קריגעריש מיטן שווערד.

באַטראַכט נאָר גוט דעם קריגס־העלד!
האָט טראָצקי זיך צעלאַכט, —
אַ נייער יוליאוס צעזאַר
געוואָרן איבער נאַכט!

ווער קען זיך דען פאַרגלייכן
מיט טראָצקין אַלס אַ העלד?
זאָגט מרדכי דאַנציס. געזען שוין
ווי ער באַזיגט די וועלט!

זאָלאַנג ס'וועט זיין ביי יידן
פון געטלעכקייט אַ פונק, —
וועט שוין קיין רב ניט פעלן!
גיט סטיפען ווייז אַ וואונק.

יאָ, אַלץ וואָס יידן דאַרפן, —
זאָגט איראַניש ליטוואַקאָוו,
איז ווייצמאַנען אַלס קיסר,
און סטיפען ווייז אַלס רב!

און ליטוואַקאָוו וועט געבן
זיין סמיכה וואו מען דאַרף
אויף שרייבער און רבנים!
ענטפערט ניגער שאַרף.

חברים! — שרייט אויס אַלגין, —
איר הערט וואָס טוט זיך אָפּ!
די קאָנטער־רעוואָלוציע
הויבט דאָך אויף איר קאָפּ!

דיקטאַטאָרס! קאָמוניסטן!
געוואָלדעוועט אב. קאַהאַן, —
ניטאָ קיין רעוואָלושאָנס,
ווען דער פאָרווערטס איז פאַראַן!

עס איז ניט שווער צו לייזן
די יידישע פּראָבלעם —
זאָגט זשיטלאָווסקי — כ׳דאַרף נאָר שרייבן
אַ סעריע וועגן דעם.

איך גלוסט אַ מלוכה!
אַ קיסר, אַ דעספּאָט!
שרייט עמאַ גאָלדמאַן. — נידער
מיט הערשער און מיט גאָט!

ווייס איך! גיט יאַנאָווסקי
סאַרקאַסטיש שטיל אַ לאַך, —
ווי קען אַ קיסר ווערן,
אַז איך שטיי אויף דער וואַך?

איר וועט נאָך זען! — זאָגט בערקמאַן,
— דער ייד וועט נאָך אַמאָל
צו דער תליה פירן
זיין קיסר אין ארץ ישראל!

באַשאַפט נאָר אַ מלוכה!
שרייט שוואַרץ דראַמאַטיש אויס, —
ווער איך דער קונסט־מיניסטער,
און בוי טעאַטערס אויס!

און איש — זאָגט טאָמאַשעווסקי —
ווירדע שליסן דאָרט אַ בונד
מיט שקולניקן און זאַצן,
צו קעמפן קעגן שונד!

אוי וויי איז צו די יאָרן!
גיט אַדלער אַ געשריי, —
ווער עס בויט טעאַטערס,
און ווער עס שפּילט אין זיי!

איר לאָזט נאָר די טריפּניאַקעס
טאָן וואָס זיי געפעלט —
זיפצט דער ווילנער גאון,
וועט זיין אַ שיינע וועלט!

יידן! לאַכט בעני לענאַרד, —
מען קריגט זיך טעג און נעכט,
ווען אַ גוטער זעץ אין מאָרדע,
וואָלט וויזן ווער ס'האָט רעכט!

וואָס קריגט איר זיך, חברים,
און קאָכט זיך אויף דאָס בלוט? —
בעט זיך אברהם רייזען,
איר מיינט דאָך אַלע גוט!

יע מיין פריינד, קלאָגט ביאַליק,
זיי מיינען אַלע גוט,
דערווײַלע שלאָגט מען יידן,
און ס׳גיסט זיך יידיש בלוט!

און הערצל, מאַרקס, קראָפּאָטקין,
זיי שווייגן נעבעך שטיל,
אין זייער נאָמען רעדט שוין
אַ יעדער וואָס ער וויל...

קאָרטן

עס שלאָגט דער זייגער דריי און פיר,
עס שטייט די מילך שוין ביי דער טיר,
עס איז שוין פינף און ס׳פאַלט אַריין
אין שויב דער ערשטער מאָרגן־שיין.
נאָר איינער זוכט נאָך אַלץ די קווין,
נאָר זוך אַהער און זוך אַהין
עס קומט אַ צען אַנשטאָט די קווין.
אַ צווייטער ווישט און ווישט דעם שוויס,
ער קריגט די קווין פעלט אויס די איס.
און ס׳לויפט אַזוי די נאַכט אַוועק,
שוין אויסגעשפּילט אַ פּופּצן דעק,
געדרייט דעם שטול, געביטן פּלאַץ,
נאָר ס׳העלפט אים נישט כאַטש נעם און פּלאַץ,
און איינער ליגט דעם קאָפּ פאַרדרייט
און רעדט פון שלאָף: אַ פלאַש... אַ סטרעיט...
מיין ווייב האָט געסט... דריי דזשעקס... צוויי פּאָר...
זי וואַרט אויף מיר, אַ שוואַרצער יאָר...
און איינער קוקט אַלץ נאָכאַנאַנד
פאַרטיפט, פאַרטרויערט אויף זיין האַנט
און זינגט זיך שטיל, ווי ער וואָלט דאָ
געלערנט אין דער שפּעטער שעה:
אזי אמר רבא, אמר אביה,
איי איי איי כאָטש נעם אַ נייע
טעשל וואו ס׳איז טרומף פאַראַן,
נאָר וואָס זשע וועט דאָס העלפן דאַן?
אַז ניט מען קויפט און ניט מען מאַכט,
נאָר בעיט און בעיט אַ גאַנצע נאַכט.

און איינער פליט און איילט און ברענט,
עס פאַלט אים אַלצדינג פון די הענט,
ער כאַפּט אויף שנעל אַ קיי אַ לעק,
און יאָגט זיך ווי דער רוח אַוועק
צום „ספּעשל מיטינג" פון פאַראיין,
ער מוז אַהינצו גיכער גיין,
ער איז שוין שפּעט, ער האָט פאַרזאַמט
פאַרכאַפּן גיכער דאָרט אַ האַנט...
און די וואָס לויפן פון דער שטאָט
אין זומער־היץ וואו ס׳ברענט און ס„בראָט
און לויפן צו די בערג נאָך רו,
נאָר ווי זיי קומען דאָרטן צו
און פּאַקן זיך אויס קוים,
אַהאַ! מען זיצט שוין ביי דער גזעים...
וואָס דאַרפן זיי די בערג, דעם ווינט?
ער האָט אַ „שיפּע פלאַש" אַצינד,
און נאָך פיר הונדערט, איר פאַרשטייט?
מער פעלט אים ניט ווי ווערן בעיט...
ווער זעט דעם הימל פּורפּור רויט
אויף הויכע טונקלע בערג צעשפּרייט?
ווער הערט די פייגל ווי עס זינגט?
ווער זעט דאָס פעלד וואָס ליגט אין גרין?
ווען פון דעם טעשל צו אים ווינקט
אַ טויז, אַ דזשעק, אַ קינג, אַ קווין!...
און זומער־נעכט און זומער־טעג
פאַרשווינדן ביז מען פאַרט אַוועק.
און דאָ און דאָרט אַ היים וואָס ווערט
ניט אויפגעראַמט, ניט אויסגעקערט,
דער מאַן זיצט בייז אין כעס און וואַרט,
די זופּ איז קאַלט, די פליייש איז האַרט,

און ער איז הונגעריק אַ שרעק,
זיין ווייבל אָבער איז אַוועק
פאַרברענגען ביי „אַ סאַשל געים",
און אויס מיט מאַן און קינד און היים...
ווייל קאָרטן איז געוואָרן גאָר
אַן אינסטיטוציע וואו מען זיצט
די טעג און נעכט פון גאַנצן יאָר
פאַרשוויצטע און מען שפּילט צעהיצט.
צו העלפן כלומרשט אין אַ נויט
אַ קראַנקע פרוי וואָס זיצט אָן ברויט.
אַ שטעטל אין דער אַלטער היים,
אַ שולע וועלכע האַלט זיך קוים,
פאַר אַ שפּיטאָל אַ נייע בעט
און אַט אַזוי ביז העט אין שפּעט
אין פּאַרק, אין קלוב, ביים ים, אין באַן,
אַבי נאָר קאָרטן איז פאַראַן
געפינען זיך די שפּילער שוין
ביז זיי פאַרשפּילן זיך אַליין.

כאַפּן

אוי אַ וועלטל האָבן מיר דאָס,
פּול מיט שנאה און מיט סטירדעס,
וואו מען האַלט אַלץ אין איין כאַפּן.
סיי מיט גוטן, סיי מיט בייזן,
אין דעם כאַפּעניש דעם גרויסן —
כאַפּט מען וואָס עס קומט אַנטקעגן,
דער אַ קאַלט, דער אַ פאַרמעגן,
דער אַ קוש, דער אַ ירושה,
דער כאַפּט פּעטש און דער אַ קדושה.
וואָס נאָר איינעם זאָל געפעלן,
מוז אַ צווייטער באַלד דאָס וועלן.
און מען האַלט אין כאַפּן־לאַפּן,
אַז ס'איז שווער דעם אָטעם כאַפּן.
דער כאַפּט ערגעץ אַ הלוואה
און פאַרשרייבט דאָס אין צוואה...
איינער כאַפּט ביי יעדן איינעם,
נאָר געגעבן — קיינמאָל קיינעם.
איינער כאַפּט אַ שטיקל שמועס,
פון ל״ג בעומר ביז נאָך שבועות.
און מען כאַפּט אַזש ס'כאַפּט אַ מורא,
מ'כאַפּט מציאות — אַלטע סחורה.
איינעם כאַפּט מען וואו מען טאָר ניט,
ס'כאַפּן צוויי זיך, מען איז קיין פּאָר ניט.
דער כאַפּט פיש און יענער פליגן,
איינעם כאַפּט מען ביי אַ ליגן,
דער כאַפּט לופט און דער געדאַנקען,
דער אַ קרענק און דער געשאַנקען.
נאָר מען כאַפּט אַלץ וואָס עס מאַכט זיך,
אַז איין גאָט ווייסט וואָס מען טראַכט זיך,
און דער ייד פון אַלע צייטן
כאַפּט נאָר קלעפּ פון אַלע זייטן.

ווערט אַ המן אַ רעגירער,
ווערט אַ חיה וואו אַ פירער,
מוז דער ייִד באַלד נעמען כאַפּן
הענט און פיס מען זאָל ניט קלאַפּן,
כאַפּט ער באַלד זיין העקל — פּעקל,
מיט דעם אַלטן וואַנדער שטעקל,
און ער לאָזט זיך גיין אַ פרעמדער
כאַפּן קלעפּ אין נייע לענדער...
נאָר אַט די וואָס נאָר זיי צאַפּן
אויס דעם ייִדנס בלוט, זיי כאַפּן
אויך אַ שוואַרצן סוף אַ וויסטן,
פאַר פאַרגיסן בלוט אומזיסטן.
ווען זשע ווערט מען זיך דאָך כאַפּן
אַז מען דאַרף ניט כאַפּן לאַפּן,
אַז ס'איז דאָ גענוג פאַר יעדן,
אָבער וואָס־זשע העלפט דאָס ריידן,
אַז עס ווילט זיך כאַפּן לאַפּן.
כאָטש מען דאַרף דאָס אויף כפּרות,
און דער כאַפּן ברענגט נאָר צרות.
אָבער ס'הערט, ניט אויף דאָס כאַפּן!
ווי אַ שדים־שפּיל וואָלט ליגן
אין דעם וועלן אַלצדינג קריגן,
אין דעם כאַפּן און פאַרכאַפּן.
עך, אַ וועלט, מען וואָלט דאָך קענען
לעבן און ניט דאַרפן ברענען
נאָר צו כאַפּן, כאַפּן, כאַפּן,
אַז דער רוח זאָל זי כאַפּן!

קייען

וואו מען ווענדט זיך, וואו מען קערט זיך,
נאָר עס הערט זיך
קייען!
אַלע טומלען, אַלע שרייען,
אַלע קאָכן זיך אוןברייען
צוליב קייען!
לויפן פליען, קערן וועלטן,
ברענען, בראָטן, בענטשן, שעלטן
צוליב קייען!
קייט מען אַלצדינג וואָס עס מאַכט זיך
ניט געקליבן און עס דאַכט זיך
אַז דער מענטש איז נאָר געבוירן
צו פאַרברענגען זיינע יאָרן
בלויז אין קייען!
וואו מען גיט דעם קאָפּ אַ בויג,
וואו מען גיט אַ קער דאָס אויג,
נאָר מען האַלט אין קייען.
אין די סאָבוויס, אין די באַנען,
אין טעאַטערס, רעסטאָראַנען,
נאָר מען האַלט אין קייען.
אַלטע, יונגע, ווייבער, מענער,
יעדער קייט אַלץ וואָס ער קען נאָר,
דער קייט טאַבאַק, יענער גאָם,
דער קייט הויכע ווערטער סתם,
דער קייט האַלץ און יענער שטרוי,
איינער קייט זיך גלאַט אַזוי
וואָס עס פאַלט אין מויל אַריין,
נאָר מיט לייטן גלייך צו זיין,
אַלע קייען, אַלע קייען,
ס׳קייט דער דענטיסט יענעמס ציינער,

ס'קייט דער לאַיער יענעמס ביינער,
ס'קייט דער דאָקטאָר יענעמס הויט,
ס'קייט דער אָרעמאַן זיין נויט,
ווען קיין ברויט איז ניט פאַראַן,
ס'קייט דער גביר דעם אָרעמאַן,
איינער קייט אַלץ ווי אַ פערד,
און אַ צווייטער קייט די ערד.
אוי דאָס קייען, צוליב קייען
ווערט דער אמת אַ געלעכטער,
ווערט דער ליגן אַ גערעכטער,
ווערט אַ העלד דער מענטשן־שעכטער
וועלכער העלפּט זיך צו באַפרייען
גאָר אין גאַנצן וועלן קייען
די וואָס הערן ניט אויף שרייען
אַז זיי ווילן עפּעס קייען!
און מען וועט אַזוי זיך קאָכן
ווי די ווילדע און פאַריאָכן
איינס דעם צווייטן אַן געוויסן
בלוט און טרערן נאָר פאַרגיסן
אַן אַ דין און אַן אַ דיין
צוליב קייען!
פאַרן קייען, צוליב קייען,
רויב און מאָרד פון אַלע זייטן,
וואָס געבליבן איז פון קין
אַ ירושה פון פאַרצייטן.

באַנקעטן

קומט דער ווינטער מיט די קעלטן,
הויבט זיך אָן קערן וועלטן
מיט באַנקעטן.
פאַר אַקטיאָרן און פּאָעטן,
רעדאַקטאָרן פון גאַזעטן,
וואוילע יידן וואָס פאַרטרעטן
יעדן איינעם ניט געבעטן.
אַלערהאַנטיקע אַרטיסטן,
און אַזוי באַרימטע איסטן,
וועלכע טוען אַלץ אומיסטן
נאָר צו קריגן אַ באַנקעטל.
פאַר קאַפּיינע פילאָסאָפן,
וועלכע טראַכטן ווען זיי שלאָפן...
מעצענאַטן, קאַנדידאַטן,
פאַר קאָנווענשנס דעלעגאַטן,
און ליעזשאַנקע דיפּלאָמאַטן.
פאַר אַ ייד מיט דאָקומענטן,
פון אַ גדול אָנערקענטן,
וואָס באַווייזט מיט אַרגומענטן,
אַז פון אַלטע פּרעצענדענטן
קומט אים אַ באַנקעטל.
גרויסע טוער פון פאַראייגען,
קהל פירער וועלכע מיינען
אַז אַזעלכענע פאַרשוינען —
קומט אַוודאי אַ באַנקעטל!
פאַר סאָסייטיס פּרעזידענטן,
וועמענס גרעסטע מאָנומענטן,
ס'זיינען נאָר באַנקעטן...
היינט פון חברות סעקרעטאַרן,
און די קלייבער פאַר באַזאַרן,
וועלכע וואַרטן אַלץ און גאַרן
קריגן אַ באַנקעטל.

און מען מאַכט.
טאָג און נאַכט
נאָר מען מאַכט באַנקעטן.
דאָ פאַר דעם
און דאָ פאַר דאָס.
אָן אַ פאַרוואָן,
אָן אַ פאַרוואָס,
סתם אַזוי באַנקעטן.
ווייל עס דרייען זיך אום יידן
וועלכע האָבן ליב יאָרידן
וואו צו טומלען און צו שרייען,
וואו צו קאָכן זיך און שמייען,
וואו צו פלוידערן און ברייען
ווי עס פירט זיך ביי באַנקעטן.
און ס'איז לעבעדיק אין שטעטל.
מען געפינט שוין אויס אַ פשטל
אויף צו מאַכן אַ באַנקעטל.
איינער פאָרט פון דאַן אַוועק.
קריגט ער אַ באַנקעטל.
נאָר אין וועלכע צוויי דריי טעג
ברענגט ער תרוצים אונדז אַ צעטל
וואָס ער איז אי דאָ צוריק
מיט מזל און מיט גליק
קריגט ער ווידער אַ באַנקעטל.
איינער האָט פאַרשפּרייט אַ קלאַנג
אַז ער פאָרט אַוועק אויף לאַנג.
קריגט ער אַ באַנקעטל.
איי ער רירט זיך ניט פון אָרט,
ניט ער גייט און ניט ער פאָרט,
אָרט עס קיינעם ניט. פאַרקערט,
ס'הויבט זיך נאָר זיין גרויסע ווערט
און — ווידער אַ באַנקעטל.
איינער האָט זיך איינגערעדט,
ווייב און שוויגער איינגערעדט,

קרובים, לאַנדסלייט איינגערעדט
אַז ער איז דאָך אַ פּאָעט!
קומט אים אַ באַנקעט.
איינער זוכט אַ גרויסן ציל.
נאָר מען ווייסט ניט וואָס ער וויל,
וואָס ער זאָגט און וואָס ער רעדט,
בלויז אַז ס׳קומט אים אַ באַנקעט!
האַלט זיך יעדער מיט בילעטן,
צו די אַלערליי באַנקעטן,
וואו מען גיט אייך נודנע דרשות,
וועלכע שלאָגן צום חלשות
וועגן וואָס נאָר איינער וויל.
קונסט און רוזוועלטס נייער דיל.
ליטעראַטור און אַפּעלאַציעס
פאַר וואָס גרעסערע דאָנאַציעס.
ריעל עסטייט און האַדעוועז קינדער,
נייער וואונדער פון דערפינדער,
איינשטיינס לערע, יידישע צרות,
סטאַקס וואָס טויגן אויף כפּרות,
בשר כשר און טעאַטער,
ס׳רעדט איעדער תמעוואַטער,
ס׳האַלט אַ רעדע אַ זאַאיקער.
ווייל דאָס ריידן איז דער עיקר
ביי באַנקעטן.
און אַרטיסטן גרויסע שטערן,
וואָס מען וויל זיי מער ניט הערן
קומען מאַכן אינטערעסאַנט
דעם באַנקעט און אַמוזאַנט.
אַ מוזיקאַלישער טאַלאַנט
נעמט באַוויזן וואָס ער קאָן,
אויף אַ מעשענעם סאַקסאָפאָן.
און אַ זינגער מיט אַ קול
ווי פון איינגעזשאַווערט שטאָל,
הויבט אָן זינגען מיט געוויין:

— ביי מיר ביסטו שיין!
און אַן עקטער דעקלאַמאַטאָר
וועלכער קריגט ניט קיין טעאַטער,
האָט דערמאָנט זיך גראָדע דאַן,
אַן דעם אַלטן דאָקטאָר גראָן!...
און די הונגעריקע געסט,
אויסגעפוצט און אויסגעפרעסט,
קוקן זשעדנע צו די טירן,
אפשר הויבט מען אָן סאַרווירן
די געשמאַקע צוגעזאָגטע
לעבערלעך געבראָקטע,
און די אָנגעפילטע גאַנדז,
און די גריבענעס מיט שמאַלץ,
צי די פיינע גוטע סטייק,
און אַליין געמאַכטע קייק.
היינט סיגאַרן, סיגאַרעטן
וואָס מען טיילט אויס ביי באַנקעטן,
נאָר דערווייל קומט מען אָפּ
מיט אַן עק און מיט אַ קאָפּ
פון די הערינג אויפן טיש,
אַנשטאָט זופּ און פלייש און פיש.
נאָר אַזוי ווי ס׳הערט ניט אויף
דאָס ריידן אָן אַ סוף,
נעמט דער עולם רעוואָלטירן,
רוקן שטולן, קלאַפּן טירן,
קלינגען אויף די גלעזער, טעלער,
און צו שרייען: מאַכט עס שנעלער!
באַלד די זייטן אָפּגעזעסן,
זאָל מען געבן עפּעס עסן!
און העט־העט, אין ווייטן שפּעט,
ווען מען גייט שוין פון באַנקעט,
כאַפּט מען זיך אַריין ערשט דאַן
אין דעם ערשטן רעסטאָראַן,
צו פאַרבייסן דעם באַנקעט!...

באַזאַרן

ווי די שוועמלעך נאָכן רעגן,
וואַקסן ווינטער די באַזאַרן.
ווער עס קומט איך נאָר אַנטקעגן,
שפּאַרט איך טיקעטס צו באַזאַרן.
ווייל אַ יעדע אָרגאַניזאַציע
וואו די קאַסע נעמט וואַקאַציע
און עס פעלט אויף שכירות געבן
דאָ דעם לערער, דאָ דעם רבין.
דאָ אויף דירה־געלט און קוילן,
דאָרט אַ קראַנקן מיטגליד היילן.
און אַ מאָלע וואו ס׳איז נייטיק
העלפן וועמען אין זיין ווייטיק.
מאַכט מען אַ באַזאַר.
יאָגן זיך אום ווייבער, מענער,
קריגן אַלץ וואָס איינער קען נאָר
און מען ברענגט דאָס צום באַזאַר.
איינגעפּאַקטע פולע פּעקלעך
אָנגעפילט מיט אַל דאָס גוטס.
אַלטע קליידלעך, קעסטלעך טשוועקלעך,
ליילעכער אַ האַלבן טוץ.
שטיקלעך קאָרפּעט, מעסערס, ציכלעך,
האַרטע לעקעך, ווייכע קייכלעך.
בערשטלעך, רייזאָרס און וואַזאַנעס,
קענדלעך סעמען וואָס מען קאָן עס
ניט צעקייען, ניט פאַרדייען,
ניט צו שלינגען, ניט צו שפּייען,
ביכער וואָס מען וויל ניט קויפן,
פילן מיט עקספּרעס צו לויפן,
גראַגערס און אָן שפּיצן שפּילקעס,
זאָקן, ווינדעלעך און פילקעס,
זאַלב די האָר זיך אויסצושמירן,
שניפּסן וואָס מען קען ניט נוצן,

פאַרהאַנגלעך דאָס הויז באַצירן,
וואַקס דעם אויוון אָפּצופּוצן.
שלייקעס אויף צו האַלטן הויזן,
פון פּאַפּיר געמאַכטע רויזן,
פּאַסטקעס מיט צעבראָכענע טירלעך,
שיך אָן לעכלעך און אָן שנירלעך,
זייף וואָס וואַשט גיט אָפּ קיין בלאָטע,
מעדיצינען פאַר משאַכאָטע,
היטלען, העמדער, הייזן, רעקלעך,
שוין צעפּאַלענע אויף ברעקלעך.
אַלטע טשייניקעס אָן דעקלעך,
פּעקלעך מיט צעשאָטענע העקלעך,
פרישע בעזימער אָן ריטער,
פרוכט האַלב־זויער און האַלב־ביטער,
קלעפּ־פּאַפּיר וואָס כאַפּט קיין פליגן,
קורץ — וואָס איינער קען נאָר קריגן
ברענגט ער צום באַזאַר.
און צו דעם קענט איר געווינען
אויף אַ ראַפל — ניי מאַשינען,
ראַדיאָס און נייע פּיאַנאָס,
פרידזשערייטאָרס, מאַרבל וואַנעס,
דאָס און נאָך און וואָס איר ווילט,
קריגט איר אויב דאָס מזל גילט.
קומען קונים און באַטאַפּן
יעדן אַרטיקל באַזונדער,
שמעקן, נישטערן און קלאַפּן
פרואוון אויס אַיעדן וואונדער
און מען קויפט, אַט זאָל עס ליגן,
ווען ס'איז וועט מען ווידער קריגן
אַ בילעט צו אַ באַזאַר.
וועט מען האָבן וואָס צו שענקען,
אַז די וועלט זאָל זיי געדענקען
ווי זיי העלפן אַ באַזאַר.

ו. פּ. איי.

אין אָנדענק פון שרייבער־פּראָיעקט, 1937

אַז איינעם איז אַ גליק באַשערט,
איז דאָך ניט שייך ווי אַזוי,
ער קריגט אַ רוזוועלט־דזשאָב און ווערט
אַ האַנט אויף וו. פּ. איי.
און דאָרט דערזעט ער ערשט די וועלט,
ער קריגט פון אַלצדינג וואָס אים פעלט,
אי כבוד, נחת, אוצרות געלט
און פריינד. און פריינד גאָר אָן אַ שיעור,
וואָס שלאָגן פשוט אָפּ זיין טיר.
אינוועסטיגייטאָרס אַלערליי
וואָס ווילן וויסן ווי אַזוי
עס האַלט מיט זיינע סטאָקס אַצינד,
וויפיל ער האָט פון זיי פאַרדינט.
צי האָט זיין ראָלס־ראָיס נאָך איר גלאַנץ,
צי איז זיין געלט אין באַנק נאָך גאַנץ...
צי האָט ער ערגעץ אויף דער וועלט
אַ רייכן פריינד וואָס שיקט אים געלט?
צי האָט ער ניט אַן עקסטרע העמד,
צי זאָקן ערגעץ וואו אַ פּאָר,
צי אפשר וואָלט ער גאָר געקענט
וואַקאַציע נעמען זיך אַ יאָר...
און וואָס אַ שטייגער וואָלט ער טאָן
ווען ער געפינט וואו אַ מיליאָן
אין אַן אַלטן שוך פאַרשטעקט?
וואָלט דער מיליאָן כאָטש אים געקלעקט?
און ס׳קומען נאָך און ס׳קומען מער,
אַלץ קשיות, קשיות טיף און שווער
וואָס קיינער קען זיי ניט פאַרשטיין,
אַפילו דער, וואָס פרעגט אַליין.
צו וועלכע בייזע וויסטע יאָר
מען דאַרף אין גאַנצן וויסן גאָר

די אַלע זאַכן אַקוראַט
צו געבן אָפּעסן צו זאַט...
נאָר ווען ס'איז אַלץ שוין אויסגעפּרעגט,
און אַלע סודות שוין אַנטדעקט,
דערהאַלט ער ערשט דעם ליבן בריוו,
אַז ס'איז ניטאָ מער קיין רעליף...
און ניט קיין דזשאָב און ניט קיין פּיי,
נאָר צרות אויב ער בענקט נאָך זיי...
און ווען עס פעלט אים אויס אויף ברויט,
אויף דירה־געלט, אַ שוך, אַ קלייד,
דאַן ווייסט ער שוין וואוהין צו גיין,
ער כאַפּט אַ צוזאָג פון קאַמפּיין
און קויפט פאַר דעם אַ בייגל לאָך
ס'זאָל קלעקן אויף דער גאַנצער וואָך...
און ווען ער קומט אַהיים צוריק
אַן אָנגעלאָדענער מיט גליק
צעלאַכט ער זיך פון גרויסער פרייד
ביז ס'פאַלט אַ טרער און ווייקט זיין ברויט...
דאָך איז ער ווינציק וואָס פאַרזאָרגט,
וואָס ניט מען גיט און ניט מען באָרגט,
אַ דאגה אים, אַבי ער האָט
פאַרשענערט יעדן דאָרף און שטאָט.
שאָסייען אויסגעפּלאַסטערט שיין,
פאַרפּוצט די פּאַרקס, געמאַכט זיי ריין,
געשפּילט, געשריבן און גענייט,
טאָ ווער קען טראַכטן איצט פון נויט?
פון נאַרישקייטן, קליידער, ברויט?
פון דירה־געלט און מעדיצין,
צי האָט דאָס אַלץ אַ ווערט, אַ זין?
ער זיצט און קוקט אויף אַלץ און קוועלט
און האָט הנאה פון דער וועלט
און שעפּטשעט הונגעריק: הוריי!
פאַר אונדזער וו. פּ. איי!

געלט

וואו מען גייט נאָר הערט מען שרייען
אַז מען מוז זיך זען באַפרייען
פון די צרות אויף דער וועלט.
אַז די אָרעמע און רייכע
זיינען אַלע מענטשן גלייכע,
נאָר דערוויילע וויל מען געלט.

גאַנצע, האַלבע ראַדיקאַלן,
ניט דערבאַקטע ליבעראַלן
מאַכן גוואַלדן אַז עס פעלט
מער גערעכטיקייט, מער יושר
אויף דער גאַנצער וועלט דער גרויסער,
און דערוויילע וויל מען געלט.

יעדער איינער האָט אַ מיטל;
מיט אַ שווערד צי מיט אַ קוויטל
ווי צו ראַטעווען די וועלט
פון מלחמות מיט די פּלאָגן,
פון די קריזיסן און קלאָגן,
נאָר דערוויילע וויל מען געלט.

גוטע פרומע יידן, קריסטן,
מאַכמעדאַנער און בודהיסטן,
וועלכע פריידיקן דער וועלט
אַז מען קען נאָר גליק געפינען
ווען מען זאָל צו גאָט נאָר דינען,
ווילן אויך דערוויילע געלט.

אַלע קינסטלער וועלכע ווילן
שרייבן, שניצן, מאָלן, שפּילן,
צו פֿאַרשענערן די וועלט,
וועלכע וואָלטן זייער לעבן
פֿאַר דער קונסט אַוועקגעגעבן,
ווילן אויך דערווײַלע געלט.

כ׳קען אַ פֿרוי וואָס האַלט אין ריידן
נאָר פֿון גייסט, נשמה פֿריידן,
ס׳איז דער מענטש וואָס איר געפֿעלט,
נאָר געליבטע זײַנען גראָדע,
איר פֿאַרשטייט אַליין אַוודאי,
בלויז אָט די וואָס האָבן געלט.

איך אַליין העלף יעדן גערן
דאָס מיר זאָלן פּטור ווערן
פֿון דער אָרדנונג אויף דער וועלט
וואו איך דאַרף אַלץ זוכן וועמען
דאָ און דאָרט און דעם און יענעם
נאָכאַנאַנד צו לײַען געלט.

די צייטונג

פון ענגלישער פראזע.

נאך מער פון אלצדינג אין דער וועלט,
דארף זיין די צייטונג אנערקענט,
זי האט וואס יעדן נאר געפעלט,
און קאסט ניט מער ווי דריי פיר סענט.
זי ברענגט צו אייך אין הויז אריין,
אין רעגן און אין זונענשיין,
פון גאר דער וועלט די לעצטע נייעס,
אן אונטערברעך, אן איבערייס.
זי האלט אייך שטענדיק אינפארמירט
אין אלץ וואס אייך אינטערעסירט.
זי גיט אייך עצות, הילף אין נויט,
און איז אוועק דינען שטענדיק גרייט,
זי העלפט אייך ווערן גייסטיק הויך,
און ווען ס'איז נייטיק קענט איר אויך
באנוצן איר פאר פאק־פאפיר,
און הערינג איינוויקלען אין איר.

זי לאזט אייך וויסן ווער עס האט
וואו חתונה געהאט,
און ווער עס האט אין וואל־סטריט
זיין לעצטע העמד פארלוירן,
ביי וועלכער אקטריסע
דער שלום־בית איז ניט גלאט,
ביי וועמען ס'איז א פינפטלינג
געבוירן געווארן.
ווער עס האט דעם סוויפסטעיק
געוואונען און ווער ס'האט
אין טויזנטער באגנבעט
די קאסע פון דער שטאט.
ווער וועמען עס האט אויסגעפאטשט
אין א קאבארעי,
און וועלכער עקטער ס'האט געכאפט

מיט אַ צעפּוילטער איי.
ביי וועלכן פאָלקס־פירער מען גייט
פון גלייכן וועג אַראָפּ,
דערצו קריגט איר אַ רעטעניש
צו ברעכן זיך דעם קאָפּ.

די צייטונג לאָזט אייך וויסן
פון אַלץ וואָס האָט פּאַסירט,
ביי וועמען ס'איז דאָס ווייב אַנטלאָפן,
און ווער ס'האָט באַנקראָטירט.
ווי איינער איז אַריינגעפאָרן
אין אַ טעלעגראַפן־סלופּ,
צו דעם נאָך לערנט זי אייך אויס
ווי אַזוי צו קאָכן זופּ.
זי זאָגט אייך ווער עס האָט געקראָגן
אַ ירושה, ווער אַ גט,
און ווער עס קריגט דעם נאָבל־פּרייז
אַלס מאָדערנסטער פּאָעט.
ווער ס'האָט דערקלערט אַ הונגער־סטרייק
און עסט ניט דריי מעת־לעת,
ווער ס'האָט געקראָגן העי־פיווער,
און ווער אַ דיספּאָזעס.
ווער ס'האָט געמאַכט אַ מיליאָן דאָלער
אין איין איינציק יאָר,
און ווער עס איז אַראָפּגעשפּרונגען
פון איין און צוואַנציקסטן פלאָר.
זי האָט פאַר אייך אַ ווינקל וואו
איר רעדט דאָס האַרץ זיך אויס
פון אייערע לינקע ליבעס און,
די צרות פון אייער הויז.
זי גיט אייך אַלע איינצלהייטן
פון מאָרד פון ערשטן ראַנג,
און וויסנשאַפטלעכע אַרטיקלען
ווי אַזוי צו לעבן לאַנג.
זי פאָרט מיט אייך דורך טאָג און נאַכט

און ברענגט אייך שוואַרץ אויף ווייס
פון אַלצדינג וואָס עס האָט פּאַסירט
די סאַמע לעצטע נייס.
זי גיט אייך לעקציעס אילוסטרירט
אין אַלצדינג, אַז איר קענט
דיסקוסיעס און דעבאַטעס פירן
כמעט אינטעליגענט.
הכלל, זי מאַכט אייך פאַר א לייט,
און פאַר דעם קליינעם פּרייז
באַקומט איר נאָך אינסטרוקציעס ווי
צו מאַכן קעיק פון רייז.

נאָר אויב אָט־דאָס איז ניט גענוג,
און איר זיינט אַלץ פון דעם ניט קלוג,
דערציילט זי אייך פון דעם וואָס גייט
אַוועק צו דעם עלעקטריק־טשער,
און ווער עס וועט דעם טאַבאַק־קינג
באַלד קריגן פאַר אַ שווער.
איר ווערט דורך איר באַקאַנט מיט דעם
נאַר וואָס געבוירן קינד,
און מיט דער שיינער דעביוטאַנטקע
וואָס איז נאָך ריין פון זינד.
איר מאַכט באַקאַנטשאַפט מיט דעם טערק
וואָס איז אַלט צוויי הונדערט יאָר,
און מיט די גרעסטע פידל שפּילער
און גענגסטער פון דעם דור.
זי שטעלט אייך פאַר דעם שווינדלער,
און גרויסן פילאַנטראָפּ,
דעם פיינעם בעל־צדקה,
און מיאוסן מיזאַנטראָפּ.
זי גיט אייך אינפאָרמאַציע
פון רייס־פערד און מואווי־סטאַרס,
פון וועטער און פון טויטנפאַלן,
און עקספּעדיציעס צו דעם מאַרס.
זי גיט די לעצטע ציפערן

פון אייער, וואוטס און פלאַקס,
פון ריעל עסטייט און אָקסן־פליש,
פון אינקאָם־טעקס און לאָקס.

זי קעמפט פאַר אייער מענטשן־רעכט
און היט אייך אָפּ פון זינד.
זי צערטלט אייך און פּיעשטשעט אייך,
ווי איר וואָלט זיין אַ קינד.
זי איז פאַר אייך דער שדכן און
דער לוח און אַגענט,
דער דאָקטאָר און דער לאָיער און
פאַרלאַנגט דערפאַר קיין סענט.
זי לערנט אייך זיין סטייליש,
ווי צו ווישן זיך די נאָז,
ווי אַזוי צו נוצן גאָפּל־מעסער,
און ווי צו שניידן גראָז.
זי מאַכט אייך אָפּט פאַרגעסן זיך
אָן רומאַטעס מיט דעם הוסט,
און אָפּט פאַרזען ווי אייער יינגל
האָט פּלוצלונג זיך פאַרגלוסט
פאַנאַנדערנעמען אַלץ אין הויז,
אויף וואָס עס פאַלט זיין האַנט,
די ניי־מאַשין און ראַדיאָ,
דעם זייגער אויפן וואַנט.
זי האָט געדולד פאַר אייערע
קאַפּריזן און משוגעת,
און שמייכלט צו אייך נעבעכדיק,
ווען זי וויל זיין אין כעס.

וואַרפט צו אַ קוש דער צייטונג,
ווייל זי איז דאָך פאַר אייך
דער הויז פריינד און דער קאַלעדזש,
פאַר אַלעמען צוגלייך.
פאַר מאַן און ווייב, פאַר יונג און אַלט,
פאַר אָרעם און פאַר רייך.

פון ברייטאָן צו סי־געיט

איך וועל מיט אײַם נעמען אַ זונטיק־שפּאַציר
ביים ים־ברעג פון סי־געיט צו ברייטאָן,
וואו איר וועט דאָרט הערן און זען אַן אַ שיעור
די וואונדער פון היינט און פאַרצייטן.
איר הערט דאָרט דעבאַטן אי היציק אי גרויס,
פון יידן וואָס דרייען אַ מוח,
מיט אַלערליי „איזמען״ אַז הערן זיי בלויז
באַדאַרף מען הערקולעסעס כוח.
איר זעט דאָרטן עקטערס וואָס האָבן געשפּילט,
און זינגער וואָס האָבן געזונגען,
נאָר דאָס וואָס געווען איז שוין לאַנג אָפּגעשפּילט,
די טענער די לעצטע פאַרקלונגען.
איר זעט דאָרט אין ברייטאָן פון יעטווידן מין,
כדאי דאָרט אַמאָל צו שפּאַצירן
פאַרביי אַט די יידן וואָס קומען אַהין
צו פּלוידערן און ראָמאַנסירן.

פון דאָרטן שפּאַצירן מיר לאַנגזאַם אַוועק
צום אינדזל וואָס הייסט קוני איילענד.
וואו ס'גרילצט און ס'רוישט און ס'הודזשעט אַ שרעק,
דער עולם נאָר רופט דאָס „פּאַרוויילנד״...
די וואונדער פון דאָרט איז אַ גאַנץ אַנדער מין,
אַ פרוי מיט צוויי קעפּ און דריי צינגער,
אַ העלפאַנט וואָס נייט אויף אַ זינגער־מאַשין,
אַ פידלער וואָס האָט ניט קיין פינגער.
אַ „הינדו״ וואָס האָט ניט קיין פיס און הענט,
באַווייזט אייך דאָרט קונצן גוואַלדאָוונע,
נאָר הויבט ער אָן ריידן, איז לויטן אַקצענט,
דערקענט איר אַ ליטוואַק פון קאָוונע...
און פּלוצלונג דערהערט איר אַ ווילדן געוואַלד,
פאַר שרעק גיט דאָס אויג אייך אַ פינטל,
אַ מענטש שטייט און ליאַרעמט: אַהערצו קומט באַלד,
כאַפּט גיכער אַ פריש־הייסן הינטל!...

און ווען איר דערפילט אַז איר קענט מער ניט גיין
און שטופּט זיך אַהיים שוין צו פאָרן,
געפינט איך אין באַן ניט קיין אָרט וואו צו שטיין
פאַרשילט איר קוני איילענד די יאָרן...

אין סי געיט איז זעט איר, אַן אַנדער מין וועלט,
דאָרט זיינען שוין אַנדערע קרייזן,
צו קאָנען אין סי געיט אַריין ווי ס׳געפעלט,
באַדאַרפט איר אַ פּאַספּאָרט באַווייזן.
ס׳איז ניט קוני איילענד וואו ס׳טומלט און ס׳שרייט,
און פירט ניט דעבאַטן ווי ברייטאָן,
אין סי געיט איז רואיק און שטיל, מען האָט צייט,
דאָרט האַלט מען אַן שטאַט ווי ביי לייטן.
דאָרט וואוינען שוין גדולים וואָס האָבן אַ שם
אין אַלע פּאַרטייען און שיטות,
דאָרט מאַכט מען קאָנצערטן פון גרויסן פאַרנעם
אין דרויסן, וואו ס׳בייסן מאָסקיטאָס...
דאָרט שאַפט מען קונסט און הויך־פּאָליטיק,
און יעדער וויל ווייזן אייך גערן —
אַז ס׳וואָלט זיך די מענטשהייט געבאָדן אין גליק,
ווען ס׳וואָלט אים די מענטשהייט נאָר הערן...
דאָרט זיצן אין וויג־שטולן ברייטלעך צעשפּרייט
די פירער פון אָרגאַניזאַציעס,
וואָס זיינען צו יעדער מינוט פאַר אייך גרייט
צו לאָזן זיך מאַכן — אָוואַציעס...
און די וועלכע לעבן פאַר אַן אידעאַל,
נאָר האָבן זיך פיינט צו באַרימען,
דאָך וועלן זיי אייך פאָרן גליק פון דעם כלל
זיך וואָרפן אין ים דאָרט — צו שווימען...
דאָרט וואוינען די מייסטער פון בלאַט און זשורנאַל,
נאָר איינער דעם צווייטן פאַרגינט ניט
דאָס ביסעלע לויב וואָס קומט אַן מיט דער גאַל,
ווייל קיינער הוץ אים, דאָס פאַרדינט ניט...

מיר וועלן שפּאַצירן און ס׳וועט זיין כדאי
צו זען אַט די וואונדער פון אַלע די דריי.

אין אַ קאַפעטעריע

פון פריער באַגינען ביז גרויען פאַרטאָג,
זיי זיצן און ריידן און ריידן.
ס'האָט איינער ביי איינעם געגנבעט אַ „זאָג",
איז עפּן זיך הימל, אַ בראַך און אַ קלאָג,
שרייט דער פּלאַגיאַט, ענטפערט דער — דעמאַגאָג,
אַ דריטער שטימט איין מיט זיי ביידן.

עס זיצן דאָרט קינסטלער פון אַלערליי גרויס,
וואָס איינער קען קלעקן פאַר דרייען,
אַ נייער רעמבראַנדט וואָס זאָגט קיינעם אויס
צי איז עס אַ פערד אויף זיין בילד צי אַ הויז,
אַ דיכטער וואָס ער איז דער איינציקער בלויז
וואָס קען זיינע לידער צעקייען.

עס זיצן דאָרט זינגער וואָס יעדערער קען
צעזעגן אַ וואַלד מיט זיין שטימע.
און עקטערס וואָס וואָלטן געשפּילט ווען מען קען
נאָר ברענגען אַן עולם וואָס וויל זיי נאָך זען,
און סתם גרויסע מענטשן וואָס זיינען „געווען",
נאָר זיינען אַראָפּ פון דער בימה.

עס זיצן דאָרט יידן מיט איין אידעאַל —
פון אייער פאַרמעג אייך באַפרייען.
פון סיגאַרעטס, פאַונטן פּען, בוך און זשורנאַל,
אַ דאָלער גייט אויך ניט אַרויס פון דעם כלל,
און איר האָט קיין ברירה, זיי ווילן די גאַל
אייך נעמען, איר זאָלט זיי וואָס „לייען".

איר קענט דאָרטן טרעפן וואָס אייך נאָר געפעלט,
פון אַלערליי מינים קאַלירן,
אלמנות וואָס זוכן אַ בעלן מיט געלט,
אַ ייד וואָס זוכט שלום און זידלט און שעלט
אַ יעדן וואָס האָט ניט זיין קוק אויף דער וועלט,
און לאָזט זיך פון אים ניט דיקטירן.

זיי זיצן און ריידן אָן סוף און אָן עק,
נאָר וויל מען וואָס עסן, דאַן גייט מען אַוועק.

אַ פּריַיז-פֿײַט

ס'איז פֿול די אַרענע פֿון אויבן ביז אונטן
מיט מענטשן וואָס זיינען געקומען צוגיין
צו זען ווי עס פֿאַלט פֿון אַ קלאַפּ אַ געזונטן
אַ בעלן וואָס האָט זיך פֿאַרמאָסטן צום קרוין.

דער עולם איז אויפֿגערעגט, קאַכט זיך און לאַרעמט,
מען וועט זיך צי ס'וועלן די ראַונדס זיין ביז צען,
אַן אַנזאָגער רעדט צו דער וועלט שטאַרק צעוואַרעמט,
ווי דאָ וואָלט אַ וועלט איבערקערעניש געשען.

און ס'שטייען די „קעמפֿער" דעם עולם באַווייזן
מיט פֿויסטן ווי האַמערס און שטאָלענע קעפּ,
מיט נערוון ווי דראָט און מוסקולן ווי אייזן,
ווי גרינג ס'איז צו מאַכן אַ לעבן פֿון קלעפּ.

און אָט הייבט אָן קלינגען דאָס גלעקל און ס'ווערן
די הערצער ביים עולם צעוויגט און צעברויזט,
אַ ציטער לויפֿט דורך אַז מען קאָן דאָס דערהערן,
געשפּאַנט קוקט דער עולם ווי ס'הייבט זיך אַ פֿויסט.

און ס'הייבן די פֿייטער זיך אָן צו דערלאַנגען:
אַ „רייט קראָס" אין ציין און „אַ לעפֿט הוק" אין באַק,
ס'איז איינעמס אַן „אַפּערקאַט" ווייט ניט דערגאַנגען,
אַ „רייט הוק" פֿאַלט איינעם אין אויג מיט אַ קנאַק!

דער עולם נעמט שפּרינגען מיט ווילדן געפֿילדער,
ווי ס'וואָלט דאָ אַ שונא די שטאָט באָמבאַרדירט,
און ס'פֿאַלן די קלעפּ אַלץ ברוטאַלער און ווילדער,
אַז ס'האָט אַזש דער עולם דעם ווייטיק דערשפּירט.

ס'איז איינעם אַ „קידני פּאַנטש" טרעפֿלעך געלונגען,
דער עולם נעמט שרייען אַז ס'שפּאַלט זיך דער רוים,
נאָר אָט האָט דאָס גלעקל שוין ווידער געקלונגען,
עס זיצן די שלעגער און אָטעמען קוים.

און אַט קומען ווידער די „קעמפּער״ און טאַנצן,
אַ טראַט און אַ קלאַפּ און אַ שפּרונג אויף צוריק,
דער קאָפּ איז ביי איינעם שוין ניט גאָר אין גאַנצן,
ביים צווייטן איז עפּעס פאַרוואַלקנט דער בליק.

אַ „דזשעב״ שטויסט זיך אָן אַן אַ מאָרדע אַז ס׳גיט זיך
אַ טרייסל די ערד און דער עולם אַ ריס,
ווי ס׳וואָלט זיך דאָ פּלוצלונג אַ לאַווע צעגליט זיך
און וואָלט זיך צעגאָסן ביי זייערע פיס.

דערלאַנג אים אַ „נאַק אוט!״ ווארף אים אַנידער!
דערהערן זיך קולות פון דאָ און פון דאָרט,
נאָר אַט האָט דאָס גלעקל געקלונגען שוין ווידער,
האַלב טויט רוט זיך אָפּ יעדער העלד אויף זיין אָרט.

און באַלד פאַלן ווידער די קלעפּ ווי די שטיינער,
אַ נאָז איז צעקוועטשט און צעשפּאַלטן אַ ליפּ,
אַ מאָרדע צעקוואַטשעט, עס פליען די ציינער,
אַן אויג איז פאַרמאַכט און צעבראָכן אַ ריפּ.

אַ „לעפט הוק״ פאַלט שווער מיט אַ הוזש אויף אַן אויער
אַזוי ווי אַ שטיין אויפן האַרטן אַספאַלט,
און גלייך קומט אַ צווייטער „פּאַנטש״ פלינק אומגעהויער
אַז ס׳הויבט אָן דער עולם צו שרייען געוואַלד!

אַ „סטרעיט דזשעב״ דערלאַנגט זיך אַ לאָז ווי אַ וויכער,
און גלייך פאַלט אַן אייזערנע האַנט אויף אַ קאָפּ,
אַ „נאַק דאַון!״ אַ „נאַק אַוט!״ איינער שטייט זיכער,
דער אַנדערער ליגט מיטן פּנים אַראָפּ.

עס רעוועט דער עולם און רייסט זיך די לונגען,
מען שפּרינגט ווי די ווילדע אַזש אויף פון דעם אָרט,
באַגייסטערט וואָס ס׳האָבן געזונטע צוויי יונגען
גאַנץ פיין זיך צעממתט אין נאָמען פון ספּאָרט.

צוליב אַ גראַם

ס׳האָט יואל דער דיכטער געשריבן אַ ליד.
געשריבן — נאָר ענדיקן קען ער דאָס ניט.
ווייל ס׳שטייט אים אין וועג ווי אַן אייזערנער צאַם
אַ וואָרט נאָר. צו שקאַרפּעטקעס פעלט אים אַ גראַם.

האָט יואל דער דיכטער געטראַכט און געטראַכט
אַ וואָך מיט אַ חודש, אַ יאָר מיט אַ נאַכט,
און אַלץ ניט געקענט זיך דערטראַכטן אַ גראַם
צו שקאַרפּעטקעס ס׳זאָל עפּעס האָבן אַ טעם.

איז יואל צערודערט, פאַרזאָרגט און פאַרקלערט,
געפינט ער אַ גראַם שוין, איז האָט דאָס קיין ווערט.
ער דרייט אים אַהער און ער דרייט אים אַהין,
נאָר ס׳האָט ניט קיין טעם און ס׳האָט ניט קיין זין.

פאַרלאָרן האָט יואל דער דיכטער זיין רו,
ער עסט ניט און מאַכט מיט קיין אויג מער ניט צו,
די טעג זיינען ביטער, די נעכט זיינען סם,
צו שקאַרפּעטקעס אָבער געפינט ער קיין גראַם.

ער ברעכט זיך דעם מוח, אים שפּאַלט זיך דער קאָפּ,
נאָר יואל איז איינגעשפּאַרט, לאָזט עס ניט אָפּ.
ער איז שוין צעדולט און גייט אום ווי אַ תם,
פון זוכן צו שקאַרפּעטקעס עפּעס אַ גראַם.

אים העלפן די קינדער און קרובים אַרויס,
די ווייב און די שוויגער, די שכנים פון הויז.
זיין צער האָט איעדן פאַרכאַפּט ווי אַ פלאַם,
צו שקאַרפּעטקעס אָבער האָט קיינער קיין גראַם.

אַזוי האָט פאַרלוירן די וועלט אַ טאַלאַנט
פון זוכן אַ גראַם וואָס איז קיינעם באַקאַנט.
און וואָלט ער געפונען דעם גראַם, איז ערשט סתם
וואָס דאַרף מען צו שקאַרפּעטקעס האָבן אַ גראַם?

אַ טעמע

איך בין אַזוי איין מאָל אין גאַס אומגעגאַנגען
פאַרחלומט, ווי ס׳טרעפט און געקלערט
פון יידיש טעאַטער, קאָנצערטן און לעקציעס
וואָס האָבן קיין זין און קיין ווערט.

ערשט ס׳קומט אָן אַ חבר אַ שרייבער און הויבט אָן
צו ריידן מיט טרערן אין קול:
וואָס טוט מען מיין ליבער? מען קען מער קיין טעמע
ניט קריגן אַזוי ווי אַמאָל.

פון יאָרן אַזוי פיל ביי יעדן גענומען,
פון אַלץ איז געוועזן איז נאָר ווערט,
ווער האָט דאָס געוואוסט גאָר פון קלערן און טראַכטן,
ווען ס׳האָט פאַר מיר יענער געקלערט.

און איצטער? ניטאָ מער אין ערגעץ קיין טעמע,
כאָטש שלעפּ איר אַרויס פון דער קני,
געזוכט אין זשורנאַלן, אין צייטונגען, ביכער,
און צייט נאָר געפּטרט און מי.

ווען איך קאָן נאָר קריגן אַ לייטישע טעמע,
אַזוי, עס זאָל געבן אַ ברען,
זאָל זיין פאַר אַ ליד, פאַר אַ סקיצע, אַ דראַמע,
פאַרשטייסטו כאָטש וואָס וואָלט געווען?

איך האָב אויסגעהערט פון מיין חבר די טענות
וואָס האָבן דאָס האַרץ מיר פאַרדריקט,
און בין גלייך אַוועק ערגעץ זוכן אַ טעמע,
און גאָט האָט מיר טאַקע באַגליקט.

איך האָב באַלד געפונען אַ זעלטענע טעמע,
צו וועגן און שאַצן מיט גאָלד,
אַ בלאָנדע, אַ שלאַנקע, מיט אויגן ווי שטערן,
נאָך בעסער ווי איך האָב געוואָלט.

מיין אייגענע מוזע האָט גלייך זיך צעזונגען,
ווי כ׳האָב זיך מיט איר נאָר באַקאַנט,
און האָב מיט באַגייסטערונג גלייך אָנגעהויבן
באַווייזן מיין אייגן טאַלאַנט.

מיין חבר איז אויך אַ צעקאַכטער געוואָרן,
ווען ער האָט מיין טעמע דערזען,
וואו לידער, ווען סקיצן, צום אמתן לעבן
האָט ער זיך גענומען מיט ברען.

און דאַן האָב אי׳ך ערשט אָנגעהויבן באַגרייפן
ווי גוט ס׳איז צו האָבן ביים האַנט
אַ צאַפּלדיק טעמע וואָס זאָל גלייך פאַרכאַפּן
איעדן וואָס האָט נאָר טאַלאַנט.

אַז מ׳טאָר ניט לינטשן

די צייט איז ניט ווייט און דאָס לינטשן וועט ווערן
אַ שאַנד אויך פאַר די וועלכע לינטשן איצט גערן.
געטריבן פון האַס און פון צאָרן,
נו, וועלן „טאַלאַנטן" די הענט זיך צעפּירן,
פאַרזיכערט, אַז ס׳וועט מיט זיי גאָר נישט פּאַסירן,
און נעמען דערגיין אונדז די יאָרן.

עס וועלן זשעניען מיט ווערק אונדז פאַרפּלייצן,
געבוג עס זאָל קלעקן דעם נאָרד־פּאָל באַהייצן,
נאָר ניט צו פאַרשטיין און באַנעמען,
צו דעם וועלן זיי אַנערקענונג פאַרלאַנגען,
פאַר זייערע „קונסטווערק", קריטיקס לויב־געזאַנגען,
און לינטשן זיי וועט מען זיך שעמען.

און עקטערס וואָס עקטן דער וועלט צו־להכעיס,
נאָר שפּילן טעאַטער ביי אונדז און די זאַך איז —
זיי זאָגן: „דאָס איז פאַר די מאַסן!"
טאָ וועלן זיי דאַן פאַר אונדז שפּילן ערשט נעמען,
דערלאַנגען אונדז „קונסט", אַ סאָלדאַט זאָל זיך שעמען,
און לינטשן זיי וועט דאָך ניט פּאַסן.

און די וואָס פאַרפאַסן די אייביקע פּיעסן,
מיט כלות פאַרפּירטע, ממזירים, מעטרעסן,
מיט קעניגע, גראַפן און פּרינצן,
ערשט דאַן וועלן אָט די פאַרפאַסערס אונדז געבן
אַזוינס, — אַז ניט ניחה וועט זיין אונדז דאָס לעבן,
און ס׳האַרץ וועט ניט לאָזן זיי לינטשן.

און אונדזערע ראַדיאָ קוויטש־קאַנאַרייקעס,
אַנאַנסער פון מקוות, תכריכים מיט שלייקעס,
און פילן צו מאַכן באַוועגלעך...
און מיר וועלן הערן די יידישע שטונדן,
נאָר ס׳וועט פון געוויסן די הענט זיי געבונדן,
און לינטשן זיי וועט זיין ניט מעגלעך.

און די, וועלכע שרייבן מיט יידישע אותיות
אַ לשון וואָס קיינער פאַרשטייט עס און ווייס עס,
צי איז דאָס כינעזיש, צי טערקיש,
נאָר ווייל זיי צו לינטשן וועט ס׳האַרץ אונדז פאַרקלעמען,
טאָ וועלן זיי שרייבן, אוי, שרייבן ערשט נעמען,
און ווייזן דער וועלט וואָס אַ ווערק איז.

און די, וועלכע כאַפּן אַ נאַש און אַ רמז,
און גיבן אונדז לעקציעס אויף אַלערליי טעמעס,
ווי קענער אויף אַלע געביטן,
און מיר וועלן זיין די מאַרטירער און הערן,
כאָטש מיר וואָלטן בעסער זיי לינטשן דאָרט גערן,
נאָר לינטשן זיי וועט מען זיך היטן.

דאָס אויפהערן לינטשן וועט ווערן אַ ברכה,
נאָר ווי וועט דאַן ווערן צו אונדזער מערכה.

מיין דאַטשע

ווען איך דאַרף מיר נעמען וואַקאַציע,
באַדאַרף איך ניט פאָרן אַהין —
וואָס אַנדערע רופן אַן „דאַטשע",
איך האָב דאָס אַט דאָ וואו איך בין.

צו וואָס דאַרף איך קאַנטרי־האָטעלן,
און צאָלן אַ מוראדיק פּרייז,
און דאַרף נאָך די סאַרוועס געפעלן
צו קריגן אַ ביסל מער שפּייז.

איך האָב מיר אַ ביזנעס, ניט פּרעגט שוין,
אַ ביזנעס פון לופט און פון ווינט.
טו האָב איך מיר לופט אַז עס קלעקט שוין
פאַר יעדן פון מיין הויזגעזינד.

אַ זון־באָד — דאָס נעם איך שוין יאָרן,
בין שטענדיק פאַרשוואַרצט און פאַרברענט,
פון אַלערליי שלעק־קרעדיטאָרן,
פון געז־בילס, עלעקטריק און רענט.

און בערג האָב איך — גאָר ניט צו מאָלן,
ווי ריזן פון הימל אַראָפּ,
פון „נאָטס" וואָס איך קען ניט באַצאָלן,
און חובות — אַז ס'שווינדלט דער קאָפּ.

און עסן — דאָס פעלט מיר געוויס ניט,
איך עס מיר דאָס האַרץ מיינע אויס,
אַז ס'בלייבט פון איר קיין מאָל קיין ביס ניט,
ווייל ס'העלפט די משפּחה אַרויס.

און פייגעלעך האָב איך וואָס טרילן,
אוי טרילן — אַז ס'האַרץ מיינס צעגייט,
כסדר זיי ווילן און ווילן
אַ הוט, אַ פּאָר שיך און אַ קלייד.

אַ טייך האָב איך — איז זי ניט קלענער
פון האָדסאָן, צום ים איז זי גלייך,
פון מיינע חשבונות און פּלענער
לאָזט אַלעמאָל אויס זיך אַ טייך...

קאָנצערטן צי סתם „ענטערטיימענטס",
דאָס פעלט מיר אָוודאי ניט אויס,
ווען איך דאַרף באַגעגענען „פּעימענטס",
און דריי זיך מיר קונציק אַרויס.

איך האָב מיר אַ דאַטשע — אַ וואונדער,
מיט אַלץ וואָס אַ דאַטשע נאָר האָט,
וואו יעדע שטיק פּלעזשור באַזונדער,
איז נאָר אַ מתנה פון גאָט.

פרילינג אָפּענסיווע

איך האָב זיך טרוימעריש פאַרטראַכט,
ווי ס׳פּאַסט זיך אין אַ פרילינגס־נאַכט,
פון וואַלד און פעלד וואָס גרינען שיין,
פון הימל אַזוי בלוי און ריין,
און אַ לבנה רונד און העל —
ערשט פּלוצלונג קומט אַ „וואָרדן״ שנעל
און טרייבט אין קעלער מיך אַריין,
כדי פון באָמבעס זיין געהיט,
און אויס איז מיט לבנה שיין,
און מיט דער גאַנצער פרילינגס־ליד.

נאָר פרילינג טוט זיך זיינס און נעמט
מיין האַרץ אַרום מיט צאַרטע הענט,
און וועבט אין מיר אַ ליריש ליד
פון פייגל, טייכלעך, בלומען, צוויט.
און ווען איך האַלט ביים באַרג און טאָל,
דערהערט זיך גלייך מיין ווייבלס קול
און עפנט אָפּ אויף מיר איר מויל:
דו גרויסער העלד! קום גלייך אַרויס!
דיר וועט ניט טרעפן קיין שום קויל,
מיין מזל איז דאָך זייער גרויס!...

דאָך האַלט דער פרילינג מיר געשמידט
און לאָזט ניט אָפּ, ער מאָנט אַ ליד.
ער קריכט צו מיר אין האַרץ אַריין,
פאַרשיכורט מיר ווי שטאַרקער ווין,
און רעגט און גליט און מאָנט און ציט,
און כ׳האָב שוין באַלד מיין פרילינג־ליד,
ערשט פּלוצלונג קומט אַ קאַלטער ווינט,
מיט פראָסט אין האָגל און פאַרשיט
מיט שניי אַלץ וואָס עס האָט געגרינט,
און אויס מיט פרילינג און מיין ליד.

מען שיסט

וואָס ביסטו פֿאַראומערט, פֿאַרביטערט מיין פֿריינד,
ווי ס׳וואָלט דיר די ליכטיקע זון ניט געשיינט?
אָ, פֿרעג ניט מיין חבר, ניט פֿרעג וואָס מיר פֿעלט,
ס׳איז ביטער און פֿינצטער, מען שיסט אויף דער וועלט.

מען שיסט צוליב פֿרייהייט און מענטשלעכע רעכט,
מען שיסט צו פֿאַרניכטן אי הערשער אי קנעכט.
מען שיסט פֿאַר פּרינציפּן און אָנהאַלטן מאַכט,
מען שיסט עס זאָל דויערן לאַנג נאָך די נאַכט.

מען שיסט צוליב כּבוד, מען שיסט צוליב געלט,
מען שיסט ווייל אויף שיסן איצט האַלט זיך די וועלט.
מען שיסט צוליב מורא, מען שיסט צוליב האַס,
מען שיסט צוליב וואוילטאָג, מען שיסט צוליב שפּאַס.

ווי קען מען, זאָג ליבער, צופֿרידן איצט זיין
ווען בלוט איז געוואָרן פֿאַרוואַנדלט אין וויין?
וואָס האָט זיי פֿאַרשיכּורט און שיכּורעדהייט
דערשיסט מען זיך איינער דעם צווייטן מיט פֿרייד.

1940

על חטא

אַ קיילעכדיק יאָר אַז עס האָט מיר דער שטן
צו אַלערליי זינד צוגערעדט,
און איך האָב געפֿאָלגט אים, איצט האָב איך חרטה,
און שלאָג זיך אין האַרצן על חטא.

דער שטן האָט איין מאָל פֿאַרשלעפּט מיך צו הערן
אַ לעקציע פֿון אַ פֿילאָזאָף,
דער ייד האָט געפּלאַפּלט פֿיר שעה אויפֿן זייגער,
אַז איך האָב געמיינט ס'איז מיין סוף.

עס האָט מיך אַמאָל דער ניט־גוטער צערודערט,
געווען איז אַ פֿינצטערע נאַכט,
איך האָב ניט געזען וואָס איך טו און איך האָב מיט
אַ מיאוסע ווייבל פֿאַרבראַכט.

כ'האָב איין מאָל אַ דיכטער געלויבט ווען מען דאַרף גאָר
אָראָפּהאַקן איםביידע הענט,
ער זאָל מער ניט שרייבן קיין לידער וואָס זיינען
ווי בולבעס אי ריי אי פֿאַרברענט.

און איין מאָל האָב איך אין קאַפֿע ביי אַ טישל
פֿאַרהערט זיך מיט אַ קאָמוניסט,
וואָס ווייסט ניט ווער מאַרקס איז, קראָפּאָטקין און לענין
נאָר מאַכט אַלץ צו בלאָטע און מיסט.

על חטא שחטאתי, כ'האָב טאַקע געזינדיקט,
איך בין זיך מתוודה אַצינד,
נאָר אויב ס'וועט מיר אויסקומען זינדיקן ווידער,
זאָל זיין כאָטש כדאי מיינע זינד.

סוף אויגוסט

סוף אויגוסט און ס׳רוקט זיך דער זומער אַוועק,
די נעכט ווערן לענגער און קירצער די טעג,
און ס׳נעמט שוין אַ סוף צו דעם מענערשן גליק,
אַט קומען די ווייבער פון קאַנטרי צוריק.

בלויז עטלעכע וואָכן געלעבט און געלאַכט,
געהוליעט מיט פריינד פראַנק און פריי יעדע נאַכט,
אַ מואווי, אַ פּיקניק, פּאָוקער און ברידזש,
אין פּאַרק אַ דעבאַטע, געפּלוירט אויפן ביטש.

געגעסן פון אַלץ וואָס מען וויל אין קאַפע,
אַ גולאַש פון ביינדלעך און ברעקלעך און שטרוי,
אַ זופּ מיט אַ בעבל וואָס קייט זיך ווי גלאָז,
אַ סטייק ווי פּאַדעשווע און קעז גרין ווי גראָז.

אַהיים קומט מען שפּעט, דריי פאַרטאָג אָדער פיר,
און שאַ! קיינער יאָדעט און שרייט ניט אויף דיר,
מען דאַרף ניט קיין תירוץ פאַר קומען צו שפּעט,
און וואַרפסט זיך אַריין מיט די שיך גלייך אין בעט.

די סיגאַרעטס רויכערט מען וואו נאָר מען וויל,
אין פּאַרלאָר, אין בעט, און די אַש אויפן דיל,
די העמד אויפן פּיאַנאָ, די זאָקן אין קיך,
דער שניפּס איז אין סינק און אין וואַנע די שיך.

די טיר לאָזט מען אָפן, די פענצטער פאַרהאַקט,
די צימערן זיינען מיט פליגן געפּאַקט,
דער שטויב אויף די מעבל איז צוויי אינטשעס דיק,
נאָר וואָס טויג דאָס אַלץ, אַז דאָס ווייב קומט צוריק!

מיין מזל

וואָס האָט מיר דער לירישער פרילינג געבראַכט?
אַ טיפע געשטערנטע ליכטיקע נאַכט,
אַ ווינטל וואָס האָט מיט חלומות געשפּילט
און מיך אַזוי פרילינגדיק אַזוי ביטער פאַרקילט.

וואָס האָט מיר דער וואַרעמער זומער געבראַכט?
אַ זאַמדיקן ים־ברעג, אַ כּישופדיק נאַכט,
אַ הימל מיט שטערן ווי פּאַר אַ פּאַעט,
מיין ווייבל האָט אָבער גערעדט און גערעדט.

וואָס האָט מיר דער האַרבסט מיט די רעגנס געבראַכט
פאַרברענגען אין דער קאַפעטעריע די נאַכט,
און הערן רכילות געמישטע מיט האַס,
און הערן ווי ס׳קריגט זיך דער ווינט מיט דער גאַס.

וואָס האָט מיר דער ווינטער חוץ קעלטן געבראַכט?
קאָנצערטן, טעאַטערס, פאַר קיינעם געדאַכט,
דעבאַטן און לעקציעס אָן זין און אָן טעם,
באַנקעטן מיט רעדעס וואו ס׳רעדט יעדער תם.

אַזוי לאָזט זיך קיין מאָל ניט אויס ווי איך האָף,
דער אָנהויב איז גוט, נאָר אַ ביטערער סוף.
עס דוכט זיך, אַז היינט וועט שוין זיין עפּעס ווערט,
נאָר אַלעמאָל לאָזט זיך דאָס אויס פונקט פאַרקערט.

פרילינג

ווי גוט איז צו זען ווי עס בליען און גרינען
דאָס גראָז און די בוימער אין זוניקן שייך,
ווי גוט איז אין פרילינג די לידער צו שפּינען
ווען ס׳לאַכט דורכן פענצטער די זון דיר אַריין.

ווי גוט איז צו הערן די פייגעלעך זינגען
און קוקן צום הימל אין פרילינגדיק נאַכט,
און שמידן פאַרכישופטע, גאָלדענע רינגען
אַ קייט פון חלומות פון דיכטער פאַרטראַכט.

ווי גוט איז צו זיצן אין שאָטן פון בוימער
און פילן ווי ס׳קילט דיר דאָס ווינטל און גלעט,
דערציילן דיר שטיל די פאַנטאַזיעס פון טרוימער,
און זינגען אַ ליד פון פאַרליבטן פּאָעט.

ווי גוט איז אין פרילינג, דעם ווינטער פאַרגעסן,
די שטורעמס און קעלטן ווי קיין מאָל געווען,
די נעכט ווען דאָס לעבן געווען איז דערעסן,
און אַלצדינג האָט פינצטער און גרוי אויסגעזען.

ווי גוט איז אין פרילינג, דאָס האַרץ הויבט אָן רעגן,
און ווערט אַזוי בענקענדיק אומרואיק פריי,
ווען יעדע פּאָר אויגן וואָס קומען אַנטקעגן
צעפלאַקערן ווידער דאָס האַרץ אויף דאָס ניי.

ווי שיין איז די וועלט וואָס ווערט ווידער געבוירן,
אַפילו דאָס בענקען וואָס ברענגט זיסן וויי,
נאָך שענער וואָלט אָבער דאָס אַלצד־נג געוואָרן
ווען ס׳קומט אויך פּרנסה צוזאַמען מיט זיי.

לייד און פרייד

פרילינג, אויסגעשטערנט איז דער טיפער הימל,
זיץ איך אין דעם פּאַרק און חלום ביז אין שפּעט,
ביז עס קלעפּן זיך די אויגן אין אַ דרימל,
גיי איך מיר אַהיים און פאַל אַוועק אין בעט —

ערשט זיי קומען אָן פאַרליבטע צו מיין פענצטער,
און מען קושט זיך אַז דער הימל שפּאַלט זיך באַלד,
ער זינגט סערענאַדן און באַלאַדן צו זיין שענסטער,
און זי ענטפערט אים באַגייסטערט מיט אַ גוואַלד.

וואָלט דאָס מיך ניט אַרן, פרילינג, דאַרף מען ליבן,
און נאָך אין אַ שטערנדיקער נאַכט דערצו,
אָבער, זאָגט איך בעט אייך, וואו איז דאָס געשריבן
אַז אַ צווייטנס ליבע צעשטערן זאָל מיין רו?

גיי איך צו צום פענצטער און קוק אָן מיט באַדויער
ווי מען האַלט אויף שטיינער אַ פאַרליבטע קאָפּ,
פילט זיך אָן מיין האַרץ מיט אַ טיפן טרויער,
און איך וואַרף אויף זיי מיין קישעלע אַראָפּ.

מיין איך דאָך איך בין געוואָרן פון זיי פּטור,
און וועל קענען אויף אַ ווייל אַ דרעמל טאָן,
הערן זיי מיר אָבער ווי די קאַץ און קאָטער,
און די ליבע הויבט זיך אויף דאָס ניי דאָרט אָן.

זע איך אַז די ליבע ווערט ביי זיי נאָך גרעסער,
גיי איך שוין אין גאַנצן פון געדולד אַרויס,
— נאָר אָט דאָ איז ליבן זיך אייך שענער, בעסער?
און איך גיס אויף זיי אַ שיסל וואַסער אויס.

אָבער כ׳האָב אומזיסט דאָס וואַסער אויסגעגאָסן,
ווען די ליבע פלאַקערט אַז עס גייט אַ רויך —
האָט מען נאָך דערוייל מיט וואַסער ניט פאַרלאָשן,
כ׳ווייס דאָס פון דערפאַרונג און איר ווייסט דאָס אויך.

פרילינג

ווען דער מוח הויבט אָן טרוימען שפּינען,
און די זון צעשמעלצט די לעצטע אייז,
ווען די בוימער הויבן אָן צו גרינען,
וואָס זשע איז דאָס פריינד, פאַר אַ באַווייז? פרילינג

ווען אַ ווינטל בלאָזט אַ וואַרעם לינדער,
גלעט דאָס פּנים ווי מיט סאַמעט ווייך,
ווען די גאַס א״ז אָנגעפילט מיט קינדער,
און די לופט איז פול מיט שטויב און רויך. פרילינג

ווען די נאָז נעמט שפּילן ווי אַ פידל,
און דאָס האַרץ נעמט כריפּען ווי אַ באַס,
ווען איעדער גראַמט זיך אויס אַ לידל
און פאַרהוסט מיט דעם די לעזער גאַס. פרילינג

ווען דער הימל קוקט אויס טיפער, העכער,
און די שטערן שיינען אַזוי שיין,
ווען אויף טרעפּ, אויף פּאַרקאַנס און אויף דעכער
סערענאַדעווען די קעץ מיט אַ געוויין פרילינג

ווען דאָס האַרץ הויבט פּלוצלונג אָן צו רעגן,
און איז ליבן אַלעמען געגרייט,
ווען עס קומען דיר די בלויע נעכט אַנטקעגן
אַזוי כישופדיק און יום־טובדיק געקליידט פרילינג

ווען דאָס ווייבל האָלט אין איין דערמאָנען
אַז דער ווינטער איז שוין לאַנג אַוועק,
און זי וואָלט די נערוון זיכער קאָנען
איינשטילן דאָרט ביי דעם וואַסער ברעג פרילינג

ווען דאָס לעבן קריגט אַן אַנדער פּנים
און עס לאַכט צו דיר אַריין די זון,
ווען עס גריסן דיך אַפילו שונאים,
וואָס מיין ליבער, לערנסטו דערפון? פרילינג

ס׳איז ביטער

טויזנט מאָל האָב איך געשוואוירן
ניט צו זען זי מער,
זי פאַרביטערט מיר די יאָרן,
טרייבט מיך אין דער ערד.

שוין אַזוי פיל מאָל באַשלאָסן
צו פאַרלאָזן איר,
שוין געבוג פון איר גענאָסן,
וויפל איז דער שיעור?

נאָר וואָס קומט אַרויס פון ריידן,
צי פון דעם פאַרלאַנג?
ווען איך וויל זיך מיט איר שיידן,
טוט מיר וויי און באַנג.

זעט אויס וועל איר מוזן האַלטן
ביז אין סוף אַריין,
ס׳העלפט קיין שעלטן, קיין געוואַלדן,
אוי, דו ליולקע מיין!

רעזאָלוציע צום נייעם יאָר

דער אַלטער יאָר איז שוין אַוועק, אַ נייער איז געקומען,
נאָר וואָס ער וועט אונדז געבן, וועט מען שפּעטער זען,
דערווייל האָב איך אַ רעזאָלוציע אָנגענומען,
זיך אויפצופירן בעסער ווי איך בין געווען.

איך וועל שוין איצטער לעבן בשלום מיט פּאָעטן
וואָס בראָקן „דיכטונגען" אויף אַלע טיש און בענק,
ווייל ס'וועט אַ טאָטער און רופא זיי ניט רעטן
פון זייער שרעקלעכער גראַפּאָמאַניע קרענק.

איך וועל ניט קריטיקירן מער טעאַטער דירעקטאָרן,
וואָס שפּילן „נייע" פּיעסן פון אַן אַלטן סטאָק,
און גיבן דאָס דעם עולם אַט פּונקט ווי פּאַראַיאָרן,
דעם אַלט־באַקאַנטן שונד מיט אַ נייעם קנאַק!

איך וועל ניט לאַכן פון די רעדעס ביי באַנקעטן,
אַז מענטשן ווילן ריידן, טאָ וואָס־זשע טוט מען פּאַרטן?
ווייל אַנדערש וואו צו ריידן וועט מען זיי ניט בעטן,
איז דער באַנקעט פאַר זיי דער צוגעפּאַסטער אָרט.

איך וועל ניט מאָנען מער מען זאָל די ראַדיאָ שטערן
צוזאַמען מיט אַנאָנסער וואָס פּלאַפּלען אויף „זשאַרגאָן",
פאַרשיקן און צעהייגען, איך זאָל זיי מער ניט הערן,
ווי זיי באַווייזן וואָס מען קען פון יידיש טאָן...

איך וועל זיך מער ניט קרימען פון די נייע וויצן,
וואָס נאָך מיין עלטער־זיידע האָט זיי שוין געהערט,
איך וועל געדולדיק קוקן ווי עס האַלט אין שוויצן
אַ רעדנער וואָס האָט קיין מאָל זיין ענין ניט דערקלערט.

אַוועק איז שוין דער אַלטער יאָר, וואָס וועט דער נייער ברענגען?
מיט אייך צוזאַמען האָף איך, ס'וועט זיין אַ גוטער יאָר,
אַז יידן וועלן זען ווי ס'וועט נאָך היטלער הענגען
צוזאַמען אויף איין בוים מיט כלבים נאָך אַ פּאָר.

1942

דער סדר

דאָרט — אַמאָל

אויסגעפּוצט אין יום־טוב קליידער,
זיצן אַלע אַזוי פֿיין,
אויפֿן טיש ליגט גרייט דער סדר,
מיט די מצה, מיט דעם ווײַן.

לייכטער, לאָמפּן גלאַנצן, פֿינקלען,
אויסגעשייערט אַזוי שיין,
ס׳גאַנצע הויז, אין אַלע ווינקלען
לויכט דער יום־טוב העל און ריין.

אָנגעשפּאַרט זיצט ברייט דער מלך
אויף זיין היסב בעט, זיין טראָן,
און ער זינגט זיך אַזוי פריילעך
קוקט מיט ליבשאַפט יעדן אָן.

און מיר יינגלעך ווידער פרעגן
נאָך אַמאָל די קשיות פיר.
אונדזערע הערצלעך קלאַפּן, רעגן,
פּסח! זומער ביי דער טיר!

דאָ — היינט

ס׳זיצט די מאַמע אויסגעמאַטערט,
און דער טאַטע אויפגערעגט,
האָט דעם סדר אָפּגעפּטרט,
ניט געענטפערט, ניט געפרעגט.

אָפּגעגעסן — פּאַלט אַ מידער,
אין די קליידער אויף זיין „טראָן",
מאָרגן — צו די ביזנעס ווידער,
ס׳קומט אָן ערשטער אויף אים אָן.

ס׳ריכט דער זונדל אָפּ דעם סדר
ביי אַ פּרייז־פּייט וואו אַצינד,
און די טאָכטער, ווי כסדר
יאָגט זיך צו אַ דענס געשווינד.

מער ניטאָ די אַלטע צייטן,
אויסגערונען איז דער תוך,
אַלץ פאַרשוואונדן, אַלץ פון ווייטן,
ניט קיין יום־טוב, ניט קיין וואָך.

שלום אויף דער וועלט

די וועלט אַ פֿאַרברענטע אויף אַש פֿון דעם פֿייער
פֿון ווילדן און בלוטיקן קריג,
האָט פֿלוצלונג דערזען אַז עס קאָסט אויך צו טייער
אַפֿילו דעם זיגער זיין זיג.

און האָט גלייך באַשלאָסן אַ פֿרידן צו שאַפֿן,
אַ פֿרידן פֿון אייביקן ווערט,
אין אַקערס און בראָנעס פֿאַרוואַנדלען די וואָפֿן,
און שלום זאָל זיין אויף דער ערד.

איצט לעבן די פֿעלקער ווי ברידער, אין שלום,
אין גליק איז פֿאַרוויגט יעדע לאַנד,
דער „אייביקער פֿרידן" איז מער ניט קיין חלום,
די וועלט ברענט ניט מער אין אַ בראַנד.

צופֿרידענע לעבט מען איצט אויף די באַלקאַנען,
אין ציל האָט אַ יעדן באַזעלט,
עס זאָלן ניט פֿלייצן פֿון דאָרט די וואולקאַנען
מיט פֿייער און צינדן די וועלט.

עס לעבן אין כינע כינעזער ווי טויבן,
אין אינדיע איז רואיק און שטיל,
אין ארץ־ישׂראל וויל קיינער ניט רויבן
ביים יידן זיין חלום, זיין ציל.

אין דייטשלאַנד איז פּשוט אַ נחת צו לעבן,
ניטאָ מער קיין נאַצי, פאַשיסט,
וואָס זאָל אונדז באַווייזן אַז מענטשלעכער שטרעבן
צו שענערס איז פּשוט אומזיסט.

ניטאָ מער אין רוסלאַנד קיין רויטע אַרמייען,
מען דאַרף זיי אין וואַלד און אין פעלד
צו האַקן די בוימער, צו אַקערן זייען,
און בויען אַ פרייערע וועלט...

ישעיהס נבואה: דער טיגער וועט לעכצן
צו פּאַשען זיך רואיק מיט שאָף!
נאָר עפּעס פון ערגעץ דערטראָגן זיך קרעכצן...
פון וועמען? אָ, כ׳הער דאָס אין שלאָף...

זיין זונס אומגליק

פון ענגליש

מיין זון האָט מיר געשיקט אַ בריוו פון וויטן וועסט,
מיין האַרץ איז שווער ווי ס׳וואָלטן שטיינער איר געפּרעסט.
אַז ער, פאַר וועמען איך האָב אַלץ אַזוי פּלאַנירט,
זאָל ווערן פון חברים שלעכטע דאָרט פאַרפירט.
איך האָב געפילט און געזאָגט אים ווען ער איז אַוועק,
אַז ער וועט דאָרט פאַרבלאָנדזשען אויף אַ קרומען וועג.
אַז ער וועט דאַרפן מיינע עצות און זיין מאַמעס הויז,
נאָר ענג איז אים געוועזן דאָ און די וועלט איז גרויס.

די וועלט איז אַ נסיון פאַר אַ יונגנמאַן אַליין,
נאָר כ׳האָב געגלויבט אַז ער וועט האָבן כוח בייצושטיין.
דאָך האָב איך אים געוואָרנט אין די לעצטע טעג
צו היטן זיך פאַר שטרויכלונגען וואָס ליגן אויפן וועג.
און ער האָט צוגעזאָגט געדענקען גוט מיין וואונטש,
און זיך אַ צוקונפט מאַכן און ברענגען כבוד אונדז.
נאָר ער האָט באַלד פאַרגעסן זיין טאַטנס גוטן וואָרט,
און איז אַוועק אויף וועגן פון סאַמע ערגסטן סאָרט.

אַזוי ווי ס׳קומען זעלטן זיינע בריוו, האָב איך געהאַט
אַזאַ געפיל אַז עפּעס איז מיט אים ניט גלאַט.
נאָר ווער האָט זיך גערעכט ער זאָל מיין אַלטן קאָפּ
פאַרשעמען און מיין נאָמען זאָל אין שטויב אַראָפּ.
ער שרייבט פון דאָרט, דער בריוו איז קורץ און קלאָר,
וואָס וועט פאַרקירצן נאָך זיין קראַנקער מאַמעס יאָר.
זי וועט ניט אויסהאַלטן דעם ווייטיק און פאַרדראָס;
ער זיצט אין לעדזשיסלייטשור נאָר זאָגט ניט אויס פאַרוואָס.

מאָנאָלאָג פון אַ ליידיקגייער

פאַרברענט זאָל ער ווערן, דער היטלער,
מלחמות האָט ער גאָר פאַרטראַכט,
די וועלט רואינירט באַלד אין גאַנצן,
און מיך אַזאַ אומגליק געבראַכט.

איך בין מיר געווען ווי אַ פייגל,
אַ פרייער, אויף אַלץ געהאַט צייט,
האָב קיין מאָל געוואוסט פון קיין אַרבעט,
געווען אַ לייט צווישן לייט.

געלעגן באַקוועם אין די מואוויס,
געזעסן ביז שפּעט אין קאַפע,
און פּלוצלונג — גאָר מאַך אַמוניציע,
פאַר דער אַמעריקאַנער אַרמיי.

ווער האָט דאָס דערוואַרט אַזאַ אומגליק,
ווער האָט זיך אויף דעם גאָר געריכט,
אין מיטן דערינען גאָר אַרבעט,
און טראָג אויף דער פּלייצע אַ פליכט.

גאָר אויפשטיין אין גרויען פרימאָרגן,
ווען צייט איז צום שלאָפן פאַראַן,
פאַרברענט זאָל ער ווערן דער היטלער,
מיט אים זאָל אויך ברענען יאַפּאַן!

אויפריכטיק

איך ווייס וואָס דו ווילסט זאָגן — האָט זי צו מיר געזאָגט:
דו ווילסט מיך זאָגן אַז דו האָסט מיך זייער ליב,
דו האָסט נאָר פיינט דעם האַרבסט, ס'איז אַזוי קאַלט און טריב,
עס דריקט אַ מרה־שחורה און אין האַרצן נאָגט,
און אַלץ אַרום איז אַזוי אומעטיק, פאַרצאָגט.
און ווילסט מסתמא פרעגן צי געדענק איך נאָך
דעם וועלדל וואו מיר האָבן אויפן וויכן מאָך
אַ גאַנצע נאַכט פאַרבראַכט ביז עס האָט געטאָגט.
זיי אויפריכטיק, אָט דאָס ווילסטו דאָך זאָגן?
יאָ — האָב איך געזאָגט.

איך ווייס וואָס דו ווילסט זאָגן — האָט זי צו מיר געזאָגט:
אַז דו געדענקסט נאָך ווי דו האָסט מיך אויף די הענט
געטראָגן, ווען איך האָב שוין גיין ניט מער געקענט,
ווי דו וואָלסט דאַן דעם כוח פון אַ ריז פאַרמאָגט.
איך זע אויף דיר וואָס דו וואָלסט מיר געזאָגט,
אַז איך בין היינט ניט די, וואָס איך בין דאַן געוועזן,
אַז דיין נשמה לויכט ניט אויף מער מיט אַ ברען,
ווייל די באַגייסטערונג האָב איך פון דיר פאַריאָגט.
זיי אויפריכטיק, אָט דאָס ווילסטו דאָך זאָגן?
יאָ — האָב איך געזאָגט.

איך ווייס וואָס דו ווילסט זאָגן — האָב איך צו איר געזאָגט:
דו ווילסט מיר זאָגן — כ'בין דער גרעסטער אידיאָט
וואָס איז נאָר אויף דער וועלט פאַראַן. אַז גאָט
האָט מיך באַשאַפן כדי דו זאָלסט זיין געפּלאָגט.
איך קריך ווי אַ טשערעפּאַכע, בין ווי אַן אייזל פויל,
און קוק אויס ווי אַן אָבעזיאַנע אויף אַ בוים,
נאָר אויסקומען אָן מיר, דאָס וועסטו קענען קוים,
צו טראַכטן גאָר פון דעם כאַפּט דיך אָן אַ גרויל!
זיי אויפריכטיק, אָט דאָס ווילסטו דאָך זאָגן?
יאָ־אָ־אָ — האָט זי געזאָגט.

אַ הון און אַרטיסט

(פאַבל)

אַ הון האָט זיך צעקוואָקעט אין אַ גאָרטן
פאַר די הינער דאָרטן:
וואָס מאַכט מען דאָ אַזאַ געוואַלד
מיט דעם סאָלאָווייטשיק אינעם וואַלד?
ווי ער וואָלט זיין גאָר איינער אויף דער וועלט!
ווייס איך וואָס זיי דאָרט געפעלט!
מבינים גרויסע! אַז דער סאָלאָוויי
איז גאָר ביי זיי
אַ זינגער שוין געוואָרן!
אַ קלאָג איז צו די יאָרן
ווער ביי זיי קען ווערן אָנערקענט!
אָט נעמט
צום ביישפיל טאַקע מיר אַליין.
מיר דוכט אַז איך קען זינגען אַזוי שיין
ווי ער און נאָך שענער,
איך הער דאָס אַלע טאָג פון אַלע הענער.
אַז איך צעזינג זיך נאָר אין הויף,
לויפן אַלע באַלד צונויף
אויף דעם גרויסן וואונדער
פון אַלע ווינקעלעך באַזונדער.
קאַטשקעס, גענדז, די קען אַפילו קומען
זיצן שטילע.
און סתם
וואָס מאַכט מען דאָ פאַר אַ טאַראַראַם
פון אַ נפשל וואָס האַלט זיך קוים?
און אַז ער פליט פון בוים צו בוים
איז וואָס?
אָט פלי איך אויך
פון פאַרקאַן גלייך אין גראָז!
איך מוז דאָס פליען אין דער הויך?

אַז איך גיב נאָר אַ זונג אין שטייג,
און ניט ווי ער דאָרט אויף אַ צווייג,
איז ממש אויף בילעטן דאַך צו גיין!
אויף די קעפּ צו שטיין
צו הערן נאָר מיין קול!
און וואָלט זיך דאָס אַ קריטיקער אָפּגערופן אַמאָל!
איך מוז דאָס זינגען אויף אַ צווייג?
שווייג!
האָט אַ פייגעלע דערביי
געגעבן אַ געשריי.
קוואַקען מעגסטו פראַנק און פריי,
אָבער זינגען לאָז דעם סאָלאָוויי!
דו ליג בעסער אין קאָטוך
און ניט זוך
אָנערקענונג פאַר דיין קוואַקען דאָרט,
דו ווייס דיין אָרט
און זיי אַ גוטע באַלעבאָסטע אין דיין שטייג.
דו לייג די אייער דאָרט און שווייג,
וועט מען כאָטש דיר ניט פאַרגעסן,
ווען מען וועט די אייער עסן!

אַ באַנקעטל

דער זאַל איז באַצירט
מיט פּאַפּירענע קווייטן,
וואָס זיינען קאָלירט
גלייך איינע צום צווייטן.
די לעמפּעלעך שיינען
פאַרוויכערט, פאַנטאַסטיש,
די רעדעס זיי זיינען
ווי ס'דאַרף זיין — באָמבאַסטיש.
דער טאָוסטמייסטער ליאַרעמט:
פאַרנעמט שוין די ערטער,
דער עולם צעוואַרעמט
דערהערט זיינע ווערטער
און הויבט זיך אָן רירן
מען זאָל מער ניט דולן,
מען שפּאַרט זיך דורך טירן,
מען קריכט איבער שטולן.
דער האָט זיך צעזונגען
מיטן גאַנצענעם כוח,
אַז ס'ווערט באַלד צעשפּרונגען
די נערוון און מוח.
דער רעדט און דער שרייט
דער שטופּט זיך צום טיש,
דער לאַכט און דער קייט
די עפּל, די ניס.
דער שטייט אויף אַ שטול
און זוכט זיך אַ פּלאַץ,
ביים טיש איז שוין פול,
כאַטש נעם און צעפּלאַץ.
אַ ווייבל איז ברוגז
און שרייט אויף איר מאַן
וואָס דאָ איז פאַר ליידיס
קיין צימער פאַראַן...

און ס'העלפן דעם טומל
די סאַרוועדס אַרויס,
און מאַכן דעם רומל
צען מאָל אַזוי גרויס.
דער קלינגט מיט געשיר,
דער איילט זיך און פליט,
דער קלאַפּט מיט אַ טיר
און ברענגט גאַרנישט ניט.
אַ קינד אַ פּיאַניסט
די פּיאַנאָ צעהאַקט,
דער הוסט און דער ניסט
דער פּיאַנאָ צום טאַקט.
דאָ שטייט אויף אַ ייד,
פאַרצווייפלט און שרייט:
אירט הערן צי ניט?
איך האָב ניט קיין צייט!
ווער לאָזט איך ניט גיין?
דערהערט זיך אַ קול,
מיר קענען באַשטיין
איך ניט הערן אַמאָל.
און דאָרט אויבנאָן
דער טאָוסטמייסטער שוויצט,
און אָט הויבט ער אָן
פאַרסאָפּעט, פאַרשוויצט:
מיטן ברען און פּאַטאָס:
חברים און פריינד
מיר דאַרפן נאָך וואָס
דאָ דורכפירן היינט!
איך מיין דעם אַפּיל,
עס ווערט שוין באַלד שפּעט,
דאָס איז דאָך דער ציל
פון אונדזער באַנקעט!
דערהערט מען דאָס וואָרט
„אַפּיל" נעמט מען שטיל

זיך רירן פון אָרט.
און גייִן וואו ס׳איז קיל...
און ווי נאָר אַ גאַסט
וויל נעמען דאָס וואָרט,
דאַן נעמט מען מיט האַסט
עמיגרירן פון דאָרט.
מען שטופּט זיך צעווישן
די שטולן און בענק,
מען קריכט אונטער טישן
ווי פון עפּעס אַ קרענק.
מען וויל שוין ניט הערן
ווי ס׳זינגט דאָרט אַ קינד,
ס׳איז יעדערער גערן
אַנטלויפן געשווינד.
און נאָכדעם כסדר
מען רעדט און מען רעדט,
ווי שיין עס האָט יעדער
פאַרבראַכט ביים באַנקעט.

אינהאַלט:

זייט

מיין ערשטער בוך — 7
אַ מתנה — 8
אַליין — 9
חשבון הנפש — 10
ניט גלויב — 11
אַלץ אַזוי. אומזיסט — 12
ווי דער שטורעם — 13
גאָט, פֿאַרגיב דעם מענטש — 13
דו ביזט ניט אַליין — 14
אומרו — 15
דער וואָלף — 16
ביים ראַנד — 17
האַרבסט שטימונג — 18
האַרבסט — 19
צו וואָס? — 20
נאָך ניטאָ — 20
מאָרגן — 21
בלינד — 22
אונדזער לעבן — 23
מיין מאַמע — 24
דאָ ווי דאָרט — 26
וואו גייסטו, מיין חבר? — 27
לשנה טובה — 28
ניט פֿאַרצווייפל — 29
צוועלף יאָר — 29
מיט די עקשנים — 30
דער ערשטער שניי — 31
אַ זוניקער ווינטער-טאָג — 32
פֿאַרנאַכט — 32
שיינקייט — 33
קעמפּ גן-עדן — 34
זומער, 1938 — 37
ערשטער מאַי, 1898 — 39
סאַקאָ-וואַנזעטי — 43
אַלעקסאַנדער בערקמאַן — 44
די מאַרסעליעזע — 45
הובלשפּענער — 46
וואַל-טאָג — 47
הענט — 48
דער וועלט-פּאַראַד — 52
אַן אַרבעטסלאָזער טאָג — 55
דער קאַליקע — 57
אַן עקספּלואַטאַטאָר — 61

זייט

צווישן ניו-מאַשינען — 64
שטעפּ איך מיר אַ קליידל — 71
פּירות אויף די ביימער — 73
מיר טאַנצן — 74
מיר וועלן ניט פֿאַרגעסן — 77
מינסק — 79
איבערגעטייוולט דעם טייוול — 81
אין מונדיר — 82
קורעניץ — 84
אַ שרפה — 86
דער גוטער פּוקס — 87
באַלאַדע פֿון פּישער-מיידל — 89
ניט לאָז פֿאַרביי — 95
זאָל זיין — 96
קאָקיין — 97
נאָר דו — 97
אויגן — 98
אַ בעטלער — 100
פֿראַגמענט — 100
ראָמאַנס — 101
איך קאָן ניט פֿאַרגעסן — 102
בלויז אַ פֿריינד — 103
געזעגן ליד — 104
די נאַכטיגאַל און רויז — 105
קוש מיר, ליבער — 105
דער לעצטער זיי-געזונד — 106
ראָמאַנס — 107
כאָטש אַ ווייל — 107
אָפּגעדוכט — 108
דו — 109
ניט רייד — 110
דו ליבסט מיר ניט — 111
ראָמאַנס — 113
מיין ניט געזונגענע ליד — 114
האַלעוויעשקעס — 115
שלאָף ליד — 117
גוט אַזוי — 118
דער האָבאָ — 119
טיימס סקווער — 123
דער יידישער שלום בית — 128
קאָרטן — 135
כאַפּן — 138
קייען — 140

זייט

באַנקעטן — 142
באַזאַרן — 146
ו. פּ. איי. — 148
געלט — 150
די צייטונג — 153
פון ברייטאָן צו סי גייט — 156
אין אַ קאַפעטעריע — 158
אַ פּרייז פּייט — 159
צוליב אַ גראַם — 161
אַ טעמע — 162
מ׳טאָר ניט לינטשן — 164
מיין דאַטשע — 166
פרילינג אַפּענסיווע — 168
מען שיסט — 169
על חטא — 170

זייט

סוף אווגוסט — 171
מיין מזל — 172
פרילינג — 173
לייד און פרייד — 174
פרילינג — 175
ס׳איז ביטער — 176
רעזאָלוציע — 177
דער סדר — 178
שלום אויף דער וועלט — 180
זיין זונס אומגליק — 182
מאָנאָלאָג — 183
אויפריכטיק — 184
אַ הון אַן אַרטיסט — 185
אַ באַנקעטל — 187